STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04537

REZOLUTSYES FUN DER AKHTER VELT KONFERENTS FUN IHUD HA-OLAMI

World Union of Poalei Zion

Permanent preservation of this book was made possible
by Manya Zivyak
in memory of
her beloved son, Jeffry Zivyak, July 19, 1940 to August 21, 1999

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רעזאלוציעס פון דער אכטער

וועלט קאנפערענץ

פון איחוד העולמי

פועלי־ציון (צ. ס.) - התאחדות

בית־ברל, י"א-ט"ז באב תשכ"ד - 20-25 ביולי 1964

דער אינהאלט:

איינלייטונג

פארלויף פון דער קאנפערענץ

באשלוסן פון דער קאנפערענץ

א. דעקלאראציע וועגן די אידעאלאגישע
פרינציפן פון איחוד העולמי. זייט 25

ב. די ארגאניזאציע פון פאלק. " 31

ג. די צוקונפט פון סאוועטישן יידנטום " 35

ד. די ציוניסטישע ארגאניזאציע,
אירע אויפגאבן און איר געבוי. " 38

ה. עליה און קליטה. " 49

ו. דערציאונג און קולטור אין גלות. " 61

ז. יוגנט פראגן און די חלוצישע באוועגונג	זייט 70
ח. דער דעמאקראטישער סאציאליזם און די פארבינדונגען מיטן אינטערנאציאנאל	" 82
ט. דער סטאטוס פון איחוד העולמי	" 84
י. ליניען פאר א טעטיקייטס פלאן	" 96
יא. צוזאמענשטעל פון די אינסטאנצן פון דער באוועגונג.	" 104

דער פאַרלויף פון דער קאָנפערענץ

די אכטע קאנפערענץ פון איחוד העולמי
איז פארגעקומען אין "בית ברל" אין צופית,
אין די טעג י"א - ט"ז מנחם-אב תשכ"ד
(25.7.1964 - 20.7.1964) מיט דער באטייליקונג
פון 219 דעלעגאטן און אסאך געסט (וועלכע האבן
זייער אויפמערקזאם נאכגעפאלגט נאך די באהאנד-
לונגען). דער חן פון דער אכסניה און די אנגע-
נעמע גאסטפריינטלעכקייט, האבן געשאפן א גוטע
אטמאספער און האבן געהאלפן צו קאנצענטרירן
זיך אין די באהאנדלונגען.

די פייערלעכע דערעפענונגס זיצונג איז
פארגעקומען אין אמפיטעאטער פון "בית ברל"
(מאנטיק, דעם 20.7 8.45 אין אוונט), אין דער
אנוועזנהייט פון פרעזידענט פון דער מדינה,
דער פרעמיער-מיניסטער און זיין פארטרעטער,
מיניסטארן, פארזיצער פון כנסת, מיטגלידער

פון פרעזידיום פון כנסת, כנסת דעפוטאטן, פארזיצער פון שטאט-ראטן, מיטגלידער פון די העכסטע אינסטאנצן פון מפא"י, ותיקים פון דער באוועגונג און א פינף טויזנט געסט.

נאך דעם ווי אלע פארזאמלטע האבן געזונגען די התקוה, האט דער גענעראל-סעקרעטאר פון איחוד העולמי און כנסת דעפוטאט, יצחק קורן, דערעפנט און געפירט די זיצונג. ער האט דערמאנט דעם אנדיינק פון די חברים וועלכע זיינען געשטארבן זינט דער פריערדיקער קאנפערענץ, און האט אפגע-שאצט די טעטיקייטן פון מאיר ארגוב — דעם פריער-דיקן סעקרעטאר פון איחוד העולמי; און פון לואי סיגאל, איינער פון די פירער פון דער ציוניסטישער ארבעטער באוועגונג אין די פאראייניקטע שטאטן און מיטגליד פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע. ער האט זיך אפגעשטעלט אויף די ענדערונגען וועלכע זיינען פארגעקומען אין לעבן פון דער באוועגונג זינט דער פריערדיקער קאנפערענץ און

אויף די אויפגאבן אין דער צוקונפט. ער האט אנגעוויזן אויפן שטומען געשריי וועלכער דער-גייט צו אונז פון די יידן פון ראטן-פארבאנד, און האט אנגעצייכנט די אויפגאבן פון דער קאנפערענץ.

ראובן ברקת, דער גענעראל סעקרעטאר פון מפא"י, האט באגריסט דער קאנפערענץ אין נאמען פון דער פארטיי, און האט אויסגערעכנט די פאדע-רונגען וואס מפא"י שטעלט פאר די פארטייען אין גלות.

די באגריסונג פון פארזיצער פון דער ציו-ניסטישער עקזעקוטיווע משה שרת, איז אין זיין אפוועזנהייט (צוליב זיין קראנקהייט), פארגע-לייענט געווארן דורך חבר משה ריבלין. שרת האט אין זיין באגריסונג אונטערגעשטראכן די ספעצי-פישע אויפגאבע פון איחוד העולמי אין דער ציו-ניסטישער באוועגונג, און די ווערט פון דער

קאנפערענץ און איר בייטראג צו דערהויבן דעם
אנזען פון ציוניזם אין פאלק.

נאכדעם האט באגריסט ד"ר נחום גאלדמאן -
דער פרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט אר-
גאניזאציע, און האט אונטערגעשטראכן, אז די
קאנפערענץ, איז די ערשטע, וועלכע גרייט צו
דעם באדן פארן 26-טן ציוניסטישן קאנגרעס.

חבר אנטאני גרינוווד, דער פארזיצער פון
אויספיר קאמיטעט פון דער בריטישער ארבעטער
פארטיי, האט באגריסט די קאנפערענץ אין נאמען
פון זיין פארטיי, און האט זיך אפגעשטעלט אויף
די פארפליכטונגען פון דער לייבאר פארטיי כלפי
מדינת ישראל וועלכע זי וועט מקיים זיין, אז
זי וועט ווי מען האפט - אינגיכן קומען צו דער
מאכט.

אין דער הפסקה צווישן די באגריסונגען,

האט דער גרויסער עולם הנאה געהאט פון געזאנג
פון כאר א.נ. פון "צאדיקאוו".

עס האבן אויך באגריסט דריי פארשטייער
פון די עיקרדיקע טיילן פון דער באוועגונג
אין דער וועלט.

דער חבר יששכר באנטשעק, האט באגריסט
אין נאמען פון אלע טיילן פון דער ציוניסטישער
ארבעטער באוועגונג אין די פאראייניקטע שטאטן;
דער חבר נחמן ראדזיכאווסקי, האט גערעדט אין
נאמען פון דער באוועגונג אין לאטיין-אמעריקע,
און האט אונטערגעשטראכן אז די באוועגונג לייגט
האפענונגען אויף דער קאנפערענץ צוליבן שווערן
מצב אין וועלכן עס געפינט זיך דער דרום אמערי-
קאנער יידנטום; חבר ד"ר ש. לעווענבערג, האט
באגריסט אין נאמען פון מערב איראפייאישן
יידנטום, און האט אנגעצייכנט די וועגן צו
פארשטארקן די פאזיציע פון אונזער באוועגונג
אין דאזיקן קאנטינענט.

די זיצונג האט פארענדיקט דער פרעמיער מיניסטער לוי אשכול, מיט זיין ארומנעמענדיקן רעפעראט "ישראל און דאס פאלק אין די תפוצות".

אויף דער צווייטער זיצונג, דינסטיק אינדערפרי, י"ב מנחם-אב (21.7.1964) זיינען פארגעלייענט געווארן באגריסונגען וועלכע זיינען אנגעקומען פון אויסלאנד, און צווישן זיי די באגריסונג פון סעקרעטאריאט פון סאציאליסטישן אינטערנאציאנאל, וועלכע שטרייכט אונטער די צוזאמענארבעט מיטן איחוד העולמי, און אויך באגריסונגען וואס זיינען אנגעקומען פון סאציאליסטישע פארטייען, פון פערשיידענע אייראפייאישע לענדער.

עס איז אויסגעוויילט געווארן א פרעזידיום פון דער קאנפערענץ אין פאלגנדן צוזאמענשטעל: בעבא אידעלסאן, בעקער אהרון, ברקת ראובן, בריח אפרים, באנטשעק יששכר, בן-צבי-ינאית רחל,

באבראוו י.מ., בערקאוויטש ליליאן, בלאנשיי
דבורה, גז מאטילדא, גלאנץ יעקב, גלייזער
שמואל, דאבקין אליהו, הרכבי יצחק, הייבלום
דניאל, היימאתי סעיד, ווייץ רענן, וואל-ראלטע
ט.פ., ד״ר וויקטאר ראזען, זאנענוואלד געארג,
חדד עזרא, פראפ. טארטאקאווער אריה, ישראל
ישעיהו, כסה יונה, לעוו קלארא, לוביטש יגאל,
מימון עדה, מילער האראלד, מאראנץ שלום,
נצר שרגא, נאוויק ראול, סאראקא חנוך,
סארקיס מרדכי, סוסלער עמנואל, ד״ר פאדהארצער
אפרים, פינקוס אריה, פאליקמאן מאו, פעליס
בנימין, פרידמאן מוקי, צור יעקב, שטשעקאטש
צדוק, צוקערמאן ברוך, ציגעל אברהם, קארן
יצחק, רייס אנשל, רות רייש, ראדזיכאווסקי
נחמן, שרת משה, שמחוני יהודית, שולקלאפער ש.

עס איז אויך אויסגעווילט געווארן
א פערמאנענט-קאמיסיע אונטערן פארזיץ פון חבר
משה ברעם, און אירע חברים זיינען: אסקאט, בריח,

בערקאוויטש יצחק, ברעס משה, דזשארדזשי פ.ס.,
גערסטנער נוח, וויינער בערנארדא, זילבערבערג
אברהם, חצור שמואל, טעלער בנימין, טריוואקס
הירש, לאפין שמואל, לילי כהן, ש. לעווענבערג,
לוי יהושע, לאנדאו קלמן, מלמוד שמואל, מאן
דניאל, סורטשין חיה, פיין בלאנש, פיין היי,
פרידמאן מוקי, צוקער סטענלי, ציפל יעקב,
קאסינער העלענא, קיטראן משה, קראניץ אריה,
ראדזיכאווסקי נחמן, ראזבי יצחק, ראזען וויקטאר,
רוס א., שפייזהענדלער עזרא.

צו דער פערמאנענץ קאמיסיע זיינען צוגע-
קאאפטירט געווארן די מיטגלידער פון דער צו-
גרייטונגס קאמיסיע, וועלכע האט געארבעט איי-
ניקע חדשים פאר דער קאנפערענץ.

עס זיינען אויסגעוויילט געווארן פאלגנדע
זעקס סטאבילע קאמיסיעס:

1) א קאמיסיע פארן יידנטום אין גלות -

פארזיצער חבר אריה טארטאקאָווער;

2) א קאמיסיע פאר די פראבלעמען פון דער ציוניסטישער באוועגונג, אירע אויפגאבן און געבוי - פארזיצער חבר א. קראניץ.

פון די מיטגלידער פון דער קאמיסיע איז אויסגעוויילט געווארן א סוב - קאמיסיע אונטערן פארזיץ פון ח' י. הרכבי, וועלכע האט זיך באשעפטיקט מיט אויפקלערן און רעדאגירן די אידעאלא- גישע פלאטפארם פון איחוד העולמי.

3) א קאמיסיע פאר די ענינים פון יוגנט און "החלוץ" - פארזיצער ח' אפרים בריח.

4) א קאמיסיע פאר דערציאונג און קולטור אין גלות - פארזיצערין חברה אסתר זאקלער (פאראייניקטע שטאטן).

5) א קאמיסיע פארן סטאטוט און רעגולאמין

פון איחוד העולמי – פארזיצער חבר
טוביה קאמענשיין (ארגענטינע).

6) א קאמיסיע פאר די פראבלעמען פון עליה
און קליטה – פארזיצער חבר יעזערסקי
(ענגלאנד).

די פערמאנענץ קאמיסיע, האט באשטימט
4 סוב-קאמיסיעס:

1) א פאליטישע קאמיסיע – פארזיצער חבר
ש. לעווענבערג;

2) א קאמיסיע צו רעדאגירן די רעזאלוציעס
וועלכע זיינען פארגעלייגט געווארן פון
אלע קאמיסיעס;

3) א נאמינאציע קאמיסיע אויף צונויפשטעלן
די אינסטאנצן פון איחוד העולמי;

4) א מאנדאטן קאמיסיע.

די דאזיקע זיצונג האט באשטעטיקט דעם טאג-ארדענונג פון דער 8-ער קאנפערענץ. לויטן פארשלאג פון דער צוגרייטונגס-קאמיסיע, וועלכער איז באשטעטיקט געווארן אין פרעזידיום פון דער קאנפערענץ, איז יעדער טאג פון די דריי טעג פון די עיקרדיקע באהאנדלונגען, געווידמעט געווארן צו איין פראגע פון אלע פראגן וועלכע זיינען געשטאנען אויפן טאג ארדענונג פון דער קאנפערענץ.

דער ערשטער טאג נאך דער דערעפענונג (21.7.64) איז געווידמעט געווארן די פראבלעמען פון דער ציוניסטישער ארבעטער באוועגונג אין גלות, אירע אידעאלאגישע פרינציפן, איר לאגע אין די פארשיידענע לענדער, די וועגן פון איר פארשטארקונג און איר אויסברייטערונג.

דער צווייטער טאג (22.7.64) איז געווידמעט געווארן דעם גלות יידנטום, זיין ארגאניזאציע און די פאזיציע פון ציוניזם אין אים.

דער דריטער טאג (23.7.64) איז געווידמעט געווארן די פראבלעמען פון דערציאונג אין גלות, און פון דער יוגנט און "החלוץ" באוועגונג.

די דאזיקע צעטיילונג, האט דערמעגלעכט צו קאנצענטרירן זיך אין דער פראגע וועלכע איז געשטאנען צו באהאנדלונג און א פולע אויסשעפונג פון אינהאלט.

חבר יצחק קארן, האט אין דער דאזיקער זיצונג געהאלטן א דערגענצונגס רעפעראט, צום שריפטלעכן באריכט. ער האט זיך אפגעשטעלט אויף די פראבלעמען פון דער באוועגונג אין די פערשיידענע קאנטינענטן און אויף אלץ וואס נויטיקט זיך אין אן אויסבעסערונג, ער האט אויך אנגעצייכנט ליניען פאר א טעטיקייטס פלאן פון איחוד העולמי אין די נאענטע יארן.

נאך אים האט רעפערירט דער וויצע פרעמיער מיניסטער, חבר אבא אבן, וועגן די אידעאלאגישע

יסודות פון דער באוועגונג פון איחוד העולמי.
ער האט באזירט די גילטיקייט פון ציוניזם און
פון סאציאליזם און זייער געבונדקייט אין אונ-
זער צייט און זייער לעבנס וויכטיקייט און זייער
ווערט פאר דער צוקונפט.

חבר דוד בן-גוריון, האט רעפערירט וועגן
די פראבלעמען פון פאלק און פון גלות, וועגן
פראגן פון דער מדינה און דער ציוניסטישער
ארבעטער באוועגונג.

די דריטע זיצונג, דינסטיק נאכמיטאג
(21.7.64) האט אויסגעהערט א רעפעראט פון חברה
בלאנש פיין (פאראייניקטע שטאטן) וועגן ארט פון
דער חברה אין דער באוועגונג. עס האט זיך אנגע-
הויבן דער ויכוח אויף די פריערדיקע רעפעראטן,
און אין אים האבן זיך באטייליקט די חברים:
אסקאט ראזשע (פראנקרייך), ד"ר מילער (ענגלאנד),
א. קראניץ (קאנאדע), א.ל. פינקוס (ישראל),
פאלאטיצקי (ארגענטינע), וויקטאר ראזען (אורוג-

ואי), חיים דן (ישראל), בידערמאן (אמעריקע), יעקב צור (ישראל), גאולה חאווקין (ישראל), סוסלאוו ("הבונים", ארגענטינע), פרידמאן (דרום אפריקע). די זיצונג האט זיך פארענדיקט מיטן ענטפער פון חבר אבא אבן.

די פערטע אוונט זיצונג (21.7.64) האט זיך געעפנט מיטן רעפעראט פון חבר אברהם ציגעל, דער לייטער פון אפטיילונג פאר קליטה פון דער יידישער אגענץ, וועגן די פראבלעמען פון קליטה פון דער עליה פון די זאפט לענדער.

די קאנפערענץ האט אין א טעלעגראמע געענטפערט משה שרת אויף זיין שריפטלעכער באגריסונג צו דער דערעפענונג פון דער קאנפערענץ און האט אים געוואונטשן א גיכן געזונט ווערונג.

די פינפטע זיצונג, מיטוואך י"ג מנחם-אב (22.7.64) אינדערפרי, האט זיך געעפנט מיטן באריכט פון חבר י. ציפעל אין נאמען פון דער

מאנדאטן קאמיסיע, וועגן אופן פון אויסוויילן די דעלעגאטן אין די לענדער און וועגן צוזאמענ-שטעל פון דער קאנפערענץ. עס זיינען באשטעטיקט געווארן 214 דעלעגאטן, פונזיי: 29 פון די פאראייניקטע שטאטן, 12 פון ענגלאנד, 5 פון אויסטראליע, 17 פון ארגענטינע, 4 פון אורוגוואי, 4 פון עסטרייך, 2 פון בעלגיע, 8 פון דרום-אפ-ריקע, 1 פון דענעמארק, 2 פון האלאנד, 2 פון מעקסיקע, 2 פון איראן, 7 פון פראנקרייך, 3 פון טשילי, 1 פון קאלאמביע, 7 פון קאנאדע, 1 פון שוועדן, 1 פון דייטשלאנד, 3 פון פערו, 9 פון בראזיל, 79 פון ישראל, איינגעשלאסן די פאר-שטייער פון איחוד העולמי אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע.

נאכדעם האט רעפערירט חבר מרדכי שטריגלער, וועגן גייסטיקן אויסזען פון יידנטום אין אונזער צייט, און נאך אים האט די קאנפערענץ אויסגעהערט דעם רעפעראט פון חבר בצלאל שערמאן, וועגן יידישן קהילה לעבן אין אונזער צייט.

דער ויכוח ארום די רעפעראטן האט אנגעהויבן חבר טוביה קאמענשיין (ארגענטינע) מיט א דער-גענצונגס רעפעראט, אין וועלכן ער האט געמאכט אן איבערבליק איבער די פראבלעמען פון דער יידישער געזעלשאפטלעכקייט אין לאטיין אמעריקע און דער ציוניסטישער ארבעטער באוועגונג אין איר. אין דאזיקן ויכוח האבן זיך באטייליקט: א. טארטאקאווער, בעבא אידעלסאן און חיים שורער.

דער ויכוח איז פארגעזעצט געווארן אויך אין דער זעקסטער זיצונג (מיטוואך 22.7.64) נאכמיטאג אין אים האבן זיך באטייליקט: ציפעל (פראנקרייך), הירש טריוואקס (ארגענטינע), מאראנץ (אויסטראליע), באאומגאלד (אמעריקע), יונה כסה (ישראל), בערל פרימער (ישראל), ב. לאפין (קאנאדא), רענן ווייץ (ישראל), יעקב גלאנץ (מעקסיקע), ב. לעאן (פאראייניקטע שטאטן), פאדהארצער (ארגענטינע), פריד (בעלגיע), מ. ראל-ניק (בראזיל) און בערט גאלדשטיין (ישראל).

די זיבעטע זיצונג, אין אוונט (22.7.64)

איז געווידמעט געווארן דעם אויספירלעכן רעפע-

ראט פון פרעזידענט פון דער ציוניסטישער ארגא-

ניזאציע ד"ר נחום גאלדמאן, וועגן ארגאניזירן

דעם יידנטום פון גלות.

אין דער אכטער זיצונג (דאנערשטיק, 23.7.64)

אינדערפרי, האט רעפערירט חבר יצחק הרכבי, דער

שעף פון דער אפטיילונג פון קולטור און דערצי-

אונג אין דער יידישער אגענץ, וועגן די פראב-

לעמען פון דער יידישער דערציאונג אין גלות.

נאך אים האט רעפערירט דער מיטגליד פון דער

ציוניסטישער עקזעקוטיווע, אליהו דאבקין, וועגן

דער יוגנט און "החלוץ" באוועגונג און וועגן

אירע פראבלעמען. דעם ויכוח ארום די צוויי

אויבנדערמאנטע רעפעראטן האבן געעפנט (מיט

דערגענצונגס רעפעראטן) די חברים: עזרא שפייז-

הענדלער (פאראייניקטע שטאטן), וועלכער האט

באהאנדלט די פראבלעמען פון יידישער

און באוועגונגס דערציאונג בעיקר אין אמעריקע, און חבר משה כרם (ישראל) וועלכער האט באהאנדלט די פראבלעמען פון דער יוגנט. אין ויכוח וועגן די פראגן פון דער דערציאונג און יוגנט האבן זיך אויך באטייליקט די חברים: משה קיטראן (ישראל), קלמן לאנדאו (מעקסיקע), אסתר זאקלער (אמעריקע), פ.ס. דזשארזשי (ענגלאנד), פ. שווארץ (ישראל) און א. שעפטעל (ישראל).

דער ויכוח ארום די צוויי פראגן, איז פאר-געזעצט געווארן אויך אין דער נײַנטער זיצונג (23.7.64) אין אוונט, אין אים האבן זיך באטיי-ליקט די חברים: מ.ו. באבראוו (קאנאדע), דניאל מאן (אמעריקע), שושנה וואלפאוויטש (ארגענטינע), סטענלי צוקער (ענגלאנד), בובי זימאן (אויסט-ראליע), א. גארבאט (ארגענטינע), שמואל לאפין (קאנאדע), יוסף יזרעאלי (ישראל), יצחק אריכא (ישראל), מ. אנצער (ישראל), אבנר אליפז (מעק-סיקע), ב. שאפירא (אורוגוואי), י. ראמאני (ענגלאנד) און חנה שטערן (ענגלאנד).

דער פרייטיקדיקער טאג (24.7.64) פאר און נאכמיטאג, איז געווידמעט געווארן דער ארבעט אין די קאמיסיעס. די צענטע זיצונג וועלכע איז פארגעקומען פרייטיק צונאכטס, האט אויסגעהערט דעם רעפעראט פון גענעראל סעקרעטאר פון מפא"י חבר ראובן ברקת, וועגן וועג פון דער ארץ-ישראל-דיקער ארבעטער פארטיי (מפא"י) און איר אידעאָלאגישן מהות אין דער ישראלדיקער ווירקלעכקייט. זי האט אויך אויסגעהערט דעם רעפעראט פון חבר ש. לעווענבערג, וועגן דער סאציאליסטישער באַוועגונג אין דער וועלט, און אונזער פאזיציע אין סאציאליסטישן אינטערנאציאנאל.

די 11-טע זיצונג פון דער קאנפערענץ - שבת אינדערפרי (25.7.64) האט אויסגעהערט באריכטן פון די פארזיצערס פון די עיקרדיקע קאמיסיעס וועגן זייער ארבעט, און האט אנגענומען רעזאלוציעס (אויף די שטחים וואס די קאמיסיעס האבן געבראכט פארשלאגן פון די קאמיסיעס).

די 12-טע זיצונג, שבת נאכמיטאג, איז געווידמעט געווארן צו אויסהערן די רעפעראטן פון פינאנס מיניסטער און מיניסטער פאר האנדל און אינדוסטריע - חבר פנחס ספיר, וועלכער האט רעפערירט וועגן מדינת ישראל און איר עקאנאמי-שער אנטוויקלונג, און דעם רעפעראט פון דער אויסערן מיניסטארין חברה גאלדע מאיר, וועגן די באציאונגען צווישן ישראל און די פעלקער.

די שלוס זיצונג פרייטיק פארנאכט, איז געעפנט געווארן מיט א ווארעמער באגריסונג פון גאסט פון דער קאנפערענץ, מארסעל זיסיא, א מיטגליד פון צענטראל קאמיטעט פון דער סאצ-יאליסטישער פארטיי אין בעלגיע, און א מיטגליד פון בעלגישן סענאט, וועלכער איז אין זעלבן טאג אנגעקומען קיין ישראל. נאכן פאליטישן רעפעראט פון דער אויסערן מיניסטארין האט דער פארזיצער פון דער זיצונג יעקב צור, זיך גע-ווענדעט צו די דעלעגאטן פון דער קאנפערענץ

מיט א רוף צו א פאליטישער טעטיקייט אין דער עפנטלעכער מיינונג אין זייערע לענדער צו שטיצן מדינת ישראל.

די קאנפערענץ האט אויסגעוויילט א וועלט-צענטראל-קאמיטעט פון 105 מיטגלידער און די ביורא פון איחוד העולמי פון 15 מיטגלידער. יצחק קארן, איז איינשטימיק אויסגעקליבן געווארן אלס גענעראל סעקרעטאר פון איחוד העולמי.

אין א געהויבענער שטימונג האט די קאנפערענץ אויסגעהערט די שלוס רעדע פון חבר יצחק קארן, וועלכער האט אויך געשלאסן די קאנפערענץ.

אין זעלבן אוונט, נאכן שלוס פון דער קאנפערענץ, זיינען אלע דעלעגאטן און געסט איינגעלאדן געווארן דורכן סעקרעטאריאט פון מפא"י, צו א פייערלעכן קבלת פנים, וועלכער איז איינגעארדנט געווארן אין קלוב "יחדיו"

אין תל־אביב. צו מארגנס זיינען די דעלעגאטן
פון דער קאנפערענץ אויפגענומען געווארן דורכן
פרעזידענט פון דער מדינה, אין זיין הויז, אין
ירושלים. די הויפט ביורא פון קרן הקימת לישראל,
האט איינגעארדנט פאר די דעלעגאטן פון אויסלאנד
אן איינדרוקפולן שפאציר אין גליל, און די אנ־
טיילנעמער האבן געהאט או גוטע געלעגנהייט צו
זען ווי מען ברעכט דורך נייע וועגן, לייִנג־
אויס דער גרענעץ מיט לבנון, און ווי מען
גרייט צו פרוכטבארן באדן פון אונטער ריזיקע
פעלזן, וועלכע ליגן אין א דורות לאנגער
וויסטענעש.

--- ---

רעזאלוציעס פון דער אכטער קאנפערענץ

פון איחוד העולמי

בית ברל - 20 - 25 יולי, 1964.

א. דעקלאראציע פון דער אכטער קאנפערענץ וועגן די אידעאלאגישע פרינציפן פון איחוד - העולמי.

די אכטע קאנפערענץ פון איחוד העולמי, וועלכע האט זיך פארזאמלט אין 16-טן יאר פון מדינת ישראל, דעקלארירט:

1) דער ציוניסטישער סאציאליזם איז באזירט אויף דער גרונט הנחה, אז אלע יידן, ווו נאר זיי געפינען זיך, זיינען איין פאלק. די עלעמענטן אויף וועלכע עס באזירט זיך די נאציאנאלע איינהייט, זיינען:

2) די מקורותדיקע יידישע קולטור, ווערטן

פון יידנטום, דער זעלבסטשטענדיקער
וועזענטלעכער וועג פון פאלק אין דער
געשיכטע, דער שאפנדיקער כוח פון דער
היסטארישער טראדיציע, די העברייאישע
שפראך און קולטור, זיין שטרעבונג צו
נאציאנאלער און געזעלשאפטלעכער גאולה,
און זיין צוגעבונדנקייט צו ארץ-ישראל,
זיין היסטארישע פאטערלאנד.

3) די אנטשטייאונג פון מדינת ישראל, שטעלט
אוועק דער ציוניסטיש-סאציאליסטישער בא-
וועגונג - אין וועלכער עס זיינען ארגא-
ניש איינגעגלידערט די נאציאנאלע שטרע-
בונגען פון יידישן פאלק, און די אוני-
ווערסאלע שטרעבונג פארן סאציאלן צדק
און דער קאמף פאר דער דערלייזונג פון
מענטש - פאר פאלגנדע אויפגאבן:

א. די פארפעסטיקונג און פראדוצירנדיקער
פראגרעס פון מדינת ישראל, די נאציא-

נאלע פאטערלאנד פון גאנצן יידישן
פאלק, וועלכע פארווירקלעכט די היס-
טארישע וויזיע פון קיבוץ הגלויות,
אויף יסודות פון דער מקורותדיקער
יידישער גייסטיקייט, און סאציאלער
גערעכטיקייט.

ב. פארשטארקן די יידישע ישובים אין די
גלות לענדער און פארטיידיקן זייער
רעכט אפצוהיטן זייער גייסטיקע אידענ-
טיטעט, און אנטוויקלען די ווערטן פון
זייער קולטור אין עברית און אין יידיש.

ג. די גרינדונג פון א רעפובליק פון פרייע
פעלקער וועלכע איז באזירט אויף יצירה
מיט שלומדיקע וועגן און דעמאקראטישן
שטייגער, אויף א סאציאלן רעזשים
וועלכער גאראנטירט יעדן מענטש די
פערזענלעכע פרייהייט, כבוד און
מענטשלעכע ווירדע און גלייכהייט,

די מעגלעכקייט צו עקאנאמישער אנט-
וויקלונג, געזעלשאפטלעכע פאזיציע
און גייסטיקע פולקאמענקייט.

ד. אין דער אנטוויקלונג פון א פראגרע-
סיווער און פראדוצירנדיקער געזעל-
שאפט אין מדינת ישראל, באזירט אויף
יסודות פון ארבעט, חלוציזם און הויבן
דעם מאטעריעלן און גייסטיקן ניוואו
פון אלע איינוווינער אן אונטערשייד,
זעט דער ציוניסטישער סאציאליזם, א
גאראנטיע פאר דער שאפענדיקער עקזיס-
טענץ און נאציאנאלן מהות פון יידישן
פאלק. די דאזיקע געזעלשאפט איז דער
גרויסער בייטראג פון יידישן פאלק צו
גרינדן א וועלט מיט א גערעכטער אר-
דענונג, אזוי ווי די יידישע נביאים
האבן פארויסגעזאגט. צו דעם האבן
געשטרעבט די קעמפער פאר פרייהייט
און גערעכטיקייט אין אלע דורות,

און אין דעם געפינט א תיקון די
וויזיע פון אונזער באוועגונג.

מדינת ישראל דערמעגלעכט די פאר-
ווירקלעכונג פון די דאזיקע אויפגאבן
אין די פארמען פון דער באנייטער
זעלבסטשטענדיקייט פון יידישן פאלק
און גאראנטירט אים א פאזיציע פון
גלייכהייט אין דער משפחה פון די
פעלקער אין דער וועלט.

מיר רופן אלע פארטייען און ארגא-
ניזאציעס וועלכע זיינען אנגעשלאסן
אין איחוד העולמי, וואס זיין פאן
טרעגערין איז די ארץ-ישראלדיקע
ארבעטער פארטיי (מפא"י) צו ווידמען
זייער גאנצע ענערגיע און כוח צו
פארווירקלעכן די וויזיע, וואס אין
איר ליכט איז די באוועגונג געגאנגען
אין שליחות פון פאלק, און האט דער-

גרייכט אין די ראמען פון דער ציו-
ניסטישער באוועגונג - היסטארישע
דערגרייכונגען אויפן פעלד פון נאצ-
יאנאלער אויפלעבונג און אין דער
שטרעבונג צו שלום און גערעכטיקייט
אין דער וועלט.

--- ---

ב. <u>ארגאניזאציע פון פאלק.</u>

א. די ענדערונגען וואס זיינען פארגעקומען
אין יידישן פאלק אין לעצטן דור, און
האבן זיך אפגעשפיגלט בעיקר אין אומגליק
פון חורבן, און אין דער היסטארישער
ווענדונג פון דער אנטשטייאונג פון
מדינת ישראל. דער באנייטער אנגריף פון
שנאת ישראל, און די דערשיינונג פון דער
מאסן אסימילאציע, וועלכע קען שטעלן אין
סכנה די נאציאנאלע עקזיסטענץ פון די
יידן אין גלות - פארפליכטן א פארשטארקטע
ארגאניזאציע פון פאלק און זיין קאנסא-
לידאציע, פארשטארקן די פארבינדונגען
צווישן די יידן אין גלות און צווישן
מדינת ישראל, און פארשטארקן די קעגנ-
זייטיקע פארבינדונג צווישן די טיילן
פון פאלק.

ב. דער קאמף קעגן אסימילאציע, און די

פארזיכערונג פון יידישן המשך אין גלות,
קען נישט בעמאלט זיין, אן א גרויסער
אנשטריינגונג פון גאנצן פאלק. די דאזיקע
אנשטריינגונג דארף זיך אויסדריקן בעיקר:
אין א פארשטארקטער דערציערישער טעטיקייט,
וועלכע זאל ארומנעמען אלע טיילן פון
פאלק, לערנען די העברייאישע שפראך, ווי
די נאציאנאלע שפראך פון יידישן פאלק,
און פלעגן די ווערטן פון דער יידישער
קולטור. די קאנפערענץ באשטימט, אז דאס
אפהיטן די ירושה פון דער יידישער פאר-
גאנגענהייט איז איינער פון די גרונט
באדינגונגען צו גאראנטירן אונזער נאצ-
יאנאלע עקזיסטענץ, און זעט א וויכטיקע
אויפגאבע אין אפהיטן די יידישע שפראך
און קולטור ווי אן אינטעגראלער טייל
פון יידישן נאציאנאלן לעבן.

ג. דער איחוד העולמי זעט אין דער דעמאקרא-
טישער קהילה דעם יסוד צו ארגאניזירן

דעם פאלק אין די תפוצות, און איז איבער-
צייגט, אז דורך גרינדן יידישע קהילות
אין אלע לענדער אין א לאנדעס ראם און
אין א צווישן לענדערישער ראם, וועט
געלעזט ווערן דאס פראבלעם פון דער
יידישער ארגאניזאציע אויף א געווונ-
טשענעם אופן.

ד. דער איחוד העולמי, לייגט ארויף א פליכט
אויף אלע פארטייען וועלכע זיינען אין
אים אנגעשלאסן, צו אן אקטיווער באטיי-
ליקונג, אין די טעטיקייטן פון יידישן
וועלט קאנגרעס, און אין די טעטיקייטן
פון די ארטיקע יידישע ארגאניזאציעס אין
אלע לענדער.

ה. דער איחוד העולמי, לייגט ארויף אויף אלע
זיינע חברים, די פערזענלעכע פליכט צו
זיין אקטיוו און ווירקן:

1. צו פארשטארקן די פארבינדונגען

צווישן די טיילן פון פאלק אין גלות.

2. צו גרינדן יידישע קהילות דא וווּ זיי עקזיסטירן נישט, פארשטארקן די פאזיצ-יעס פון די עקזיסטירנדיקע קהילות, אויסברייטערן דעם אומפאנג פון זייער טעטיקייט און פארטיפן זייער פאר-שטענדעניש פאר די ענינים פון מדינת ישראל.

3. באקעמפן יעדע פארם פון אסימילאציע און פארטיפן די יסודות פון נאציאנאלן באוווסטזיין.

4. באטייליקן זיך אין קאמף צו פארטיי-דיקן דעם כבוד פון פאלק און קעגן יעדן אויסדרוק פון אנטיסעמיטיזם, באקעמפנדיק אלע דערשיינונגען פון ראסן שנאה און דיסקרימינאציע אין אלע לענדער.

--- ---

ג. די צוקונפט פון יידנטום אין ראטן - פארבאנד.

א. דאס פראבלעם פון די יידן אין ראטן - פארבאנד, איז היינט איינע פון די גורלדיקסטע פראגן פון גאנצן יידישן פאלק. דער יידנטום אין סאוועט רוסלאנד, דערגרייכט צו א פערטל פון גאנצן יידישן פאלק, - די שארית הפליטה פון אייראפיי- אישן יידנטום, וואס איז פארניכטעט גע- ווארן דורך די נאציס, זיין און אייניקלער פון וואונדערפולן יידישן קיבוץ, וואס האט אויסגעפילט א דעצידירנדיקע אויפגאבע אין דער נאציאנאלער און סאציאלער אויפלע- בונגס באוועגונג פון אונזער פאלק, אין שאפן די נייע קולטור אין העברייאיש און אין יידיש, וואס פון זיינע גייסטיקע אוצרות שעפט די יידישע וועלט ביז היינט.

ב. די קאנפערענץ דעקלארירט: דער יידישער
פאלק וועט קיינמאל נישט משלים זיין
מיט דער טענדענץ צו אפהאקן אט דעם
דאזיקן גרויסן צווייג פון אונזער
היסטארישן שטאם.

ג. מיר פאדערן פון דער רעגירונג פון ראטן-
פארבאנד, אז זי זאל נישט פארלייקענען
די רעכט פון אירע יידישע בירגער:

- צו אויפהאלטן זייער נאציאנאלע און
רעליגיעזע ירושה,

- צו דערציען זייערע קינדער אין גייסט
פון דער יידישער קולטור,

- צו אנטוויקלען די העברייאישע און
יידישע שפראכן,

— צו אנהאלטן, א לעבעדיקע גייסטיקע
פארבינדונג מיט מדינת ישראל און מיט
די איבעריקע יידישע ישובים,

- עולה זיין קיין ישראל, לויט זייער
פרייען אויסוואל, צו מיטן צוועק צו
פאראייניקן זיך מיט זייערע משפחות
אדער כדי צו באטייליקן זיך אין
אויפבויען די נייע געזעלשאפט אין
מדינת ישראל.

ד. די קאנפערענץ פאדערט אויף אלע סניפים
און חברים פון איחוד העולמי פארזעצן
דעם אומאויפהערלעכן קאמף, פאר די
נאציאנאלע רעכט און צוקונפט פון
יידנטום אין ראטן-פארבאנד.

די קאנפערענץ ווענדעט זיך צו די
דעמאקראטישע קרייזן אין אלע לענדער,
אז זיי זאלן געבן זייער פולע אונטער-
שטיצונג דעם דאזיקן גערעכטן קאמף.

--- ---

די אויפגאבן פון דער
ציוניסטישער ארגאניזאציע,
און איר געבוי.

א. ווירקן צו פארטיפן דעם ציוניסטישן באוווסט-
זיין און פארשפרייטן אים אין פאלק ווי
א לעבנס-וויכטיקע לערע, וועלכע איז באזירט
אויף אנערקענען די באשטימונג פון יידישן
פאלק, די נאכאנאנדערקייט פון זיין געשיכטע,
זיין וועלט-איינציקייט. די קעגנזייטיקע
פאראנטווארטלעכקייט פון אלע זיינע טיילן,
און די בשותפותדיקע פאראנטווארטלעכקייט
פאר זיין היסטארישן גורל, די דעצידירנדיקע
מיסיע פון מדינת ישראל און פארזיכערן זיין
צוקונפט.

ב. טראגן די לאסט פון שותפות און פאראנטווארט-
לעכקייט פאר פארשטארקן די מדינה, איר אנט-
וויקלונג, איר זיכערהייט און אבסארבאציע
פון דער עליה אין איר, דורך בעזעלשאפטלעכער
אקטיוויטעט און מוסטערהאפטער פערזענלעכער

באטייליקונג אין די מגביות, נאציאנאלע פאנדן, און אונטערנעמונגען וועלכע העלפן דעם עקאנאמישן, געזעלשאפטלעכן און קולטו-רעלן פראצעס פון מדינת ישראל.

ג. צואיילן דעם פראצעס פון קיבוץ הגלויות, דערציען און מוטיקן צו עליה קיין ישראל, פלעגן א געזעלשאפטלעכע אטמאספער וואס העלפט צו עליה און געבן דירעקטע הילף די עולים, און ווידמען א ספעציעלע אויפמערק-זאמקייט דער עליה פון דער יוגנט;

ד. ארייננדרינגען דעם געדאנק פון חלוציזם, געבן גייסטיקע און מאטעריעלע הילף די חלוצישע יוגנט באוועגונגען, און יעדער אנדער ארגאניזאציע וועלכע איז איינגעשטעלט אויף עליה.

ה. מאביליזירן שטיצע, פארשטענדנעש און סימ-פאטיע פאר ישראל און אירע פראבלעמען,

באדערפענעשן און אירע דערגרייכונגען און ציען צו זיי די אויפמערקזאמקייט פון דער עפענטלעכער מיינונג.

ו. די אויסברייטערונג און פארגרעסערונג פון דער יידישער דערציאונג, דורך טאגשולן (גרונטשולן און מיטלשולן), דורך אנדערע דערציאונגס אנשטאלטן, און דורך לערנען די העברייאישע שפראך און איר קולטור; אריינברענגען א ציוניסטישן און ישראלדיקן אינהאלט אין דער אטמאספער פון די שולן און אין לערן פלאן פון די יידישע דערציאונגס-אינסטיטוציעס; זארגן פאר צוגרייטן יידישע לערער.

ז. פארשפרייטן די העברייאישע שפראך און קולטור כדי צו פארשטארקן די גייסטיקע זעלבסט-שטענדיקייט פון פאלק, אפהיטן מיט טרייטשאפט זיין ירושה, און פארזיכערן זיין מעגלעכקייט צו שעפן אינספיראציע פון די יצירה קוואלן

פון מדינת ישראל.

ח. ספעציעלע אנשטרענגונגען צו איינפלאנצן יידיש-נאציאנאלן באוווסטזיין אין יונגן דור. צוציען אים צו אקטיווער טעטיקייט אין דער ציוניסטישער באוועגונג, און צוגרייטן אים צו פארנעמען אנפירנדיקע פאזיציעס אין איר; באשטימען א צענטראלן ארט אין זייער לעבן פאר מדינת ישראל מיט אירע דערגרייכונגען, ראנגלענישן און די פראבלעמען פון איר צוקונפט.

ט. אפהיטן די ווערטן פון יידנטום, און איינפירן א יידישן לעבנס שטייגער אין דער משפחה און אין דער געזעלשאפט.

י. געזעלשאפטלעכע און פערזענלעכע אקטיוויטעט אין דער אנפירונג פון די יידישע קהילות, אין די קהילה אינסטאנצן כדי צו באזירן זיי אויף דעמאקראטישע יסודות, צו פארטיפן יידיש-נאציאנאלן באוווסטזיין צווישן אירע

מיטגלידער, צו שטיין קעגן די סכנות פון
אסימילאציע און טמיעה, צו פארטיידיקן די
רעכט פון די יידן. צו א קאמף קעגן אנטי-
סעמיטיזם און צו פארשטארקן די ציוניסטישע
השפעה און די זעלישע פארבינדונג מיט ישראל,
צו פארזיכערן די פריאריטעט פון די באדערפע-
נעשן פון מדינת ישראל אין דער דערציאונג,
אין מגביות און אנדערע פינאנסיעלע אונטער-
נעמונגען, צו באררייכערן דעם נאציאנאלן און
קולטורעלן איהאלט פון יידישן לעבן און פאר-
שטארקן אין יעדן יידישן ישוב די וואכזאם-
קייט צו אלץ וואס עס קומט פאר אין אלע
תפוצות פון פאלק.

יא. ענגע מיטארבעט פון דער ציוניסטישער ארגא-
ניזאציע און מיט יידישע וועלט ארגאניזאציעס,
וואס זייער טעטיקייט זיינען געווענדעט צו
פארטיידיקן די יידישע רעכט, און צו קאנסא-
לידירן דעם פאלק כדי אפצוהיטן דעם המשך
פון זיין עקזיסטענץ.

--- ---

די פליכטן וועלכע ליגן אויפן ציוניסטישן יחיד.

פון די אויפגאבן וועלכע ליגן אויף דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין די תפוצות דרינגען ארויס די פליכטן וואס ליגן אויפן ציוניסטישן יחיד:

1. דער ציוניסט ווירקט צו פארווירקלעכן דעם פלאן און די אויפגאבן פון דער ציוניסטישער באוועגונג.

2. דער ציוניסט באטייליקט זיך אקטיוו אין בוי פון מדינת ישראל.

3. דער ציוניסט, דינט אלס ביישפיל צו פרייוויליקייט, צו א זעלבסט-באשטייערונג און טעטיקייט פאר די ציוניסטישע פאנדן.

4. דער ציוניסט מוטיקט די עליה קיין ישראל, דורך א פאקטישער שטיצע פאר די חלוצישע יוגנט באוועגונגען און מיט א פערזענלעכן

ביישפיל.

5. דער ציוניסט פירט טעטיקייטן פאר דער אויסברייטערונג און פראגרעסירונג פון דער יידישער און ציוניסטישער דערציאונג, צו פארשפרייטן די העברייאישע שפראך און די ווערטן פון דער יידישער קולטור, און פאר אריינדרינגען יידישן און ציוניסטישן באוווסטזיין.

6. דער ציוניסט זארגט צו באהערשן די העברייאישע שפראך און קולטור און גיט זיינע קינדער א ציוניסטישע און יידישע דערציאונג.

7. דער ציוניסט, איז א מיטגליד אין דער יידישער קהילה, איז אקטיוו אין זיין ישוב און באמיט זיך צו פארזיכערן דעם דעמאקראטישן כאראקטער פון די ארגאניזאציעס פון דער קהילה, און פון די אלגעמיין יידישע ארגאניזאציעס און זארגט פאר

דער ציוניסטישער השפעה אין זיי.

די קאנפערענץ שטיצט די אויפגאבן פון דער ציוניסטישער באוועגונג, אזויווי זיי זיינען רעדאגירט אין די הנחות און אינ- סטרוקציעס, וועלכע זיינען פארגעלייגט געווארן דורך חבר משה שרת צו דער לעצטער סעסיע פון ציוניסטישן אקציאנס קאמיטעט, און זיינען באשטעטיקט געווארן דורך דער קאמיסיע פאר ארגאניזירן די ציוניסטישע ארגאניזאציע וועלכע איז אויסגעוויילט געווארן דורכן ועד הפועל הציוני. די דאזיקע אויפגאבן פארפליכטן דער ציוניס- טישער ארבעטער באוועגונג, ווי א טייל פון דער ציוניסטישער באוועגונג.

<u>דער געבוי פון דער</u>

<u>ציוניסטישער ארגאניזאציע.</u>

א. די ציוניסטישע לאנדעס ארגאניזאציע, וועט ארומנעמען אלע ציוניסטישע פארטייען וועלכע עקזיסטירן אין דאזיקן לאנד;

ב. אלע אומפארטייאישע ארגאניזאציעס וועלכע נעמען אן דעם ירושלים׳ער פראגראם.

ג. צו די ציוניסטישע פעדעראציעס מעגן געהערן אומפארטייאישע יחידים, וועלכע נעמען אן דעם ירושלים׳ער פראגראם.

רעפרעזענטאנץ אין די ציוניסטישע אינסטאנצן.

אלע ציוניסטישע פארטייען און די ארגא-ניזאציעס פון די לענדער, וועלכע זיינען אנגעשלאסן אין דער ציוניסטישער פעדעראציע, וועלן זיין רעפרעזענטירט אין די אינסטאנצן פון דער ציוניסטישער וועלט ארגאניזאציע, לויט די פארהעלטנעשן פון די כוחות.

אינסטאנץ פאר קאארדינאציע.

די קאנפערענץ לייגט ארויף אויף דער פראקציע פון איחוד העולמי אין ציוניסטישן אקציאנס קאמיטעט צו ווירקן אז עס זאל אנטשטיין אן אינסטאנץ, וועלכע זאל קאאר-דינירן און קאנצענטרירן די טעטיקייטן פון אלע דעפארטאמענטן אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע. די ארגאניזאציעס וועלכע זיינען נישט דעפינירט ווי פארטייען,

װעלן זײַן רעפּרעזענטירט אין די אינסטאַנצן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע - גלײַך װי זײ װאָלטן געװען פּאַרטײען.

דער ציוניסטישער שקל.

די קאָנפערענץ לײגט אַרויף אויף דער פּראַקציע פון איחוד העולמי אין 26-טן ציוניסטישן קאָנגרעס צו באַשליסן אין דער פראַגע פון דער צוקונפט פון ציוניסטישן שקל.

יוגנט.

די קאָנפערענץ באַגריסט דעם באַשלוס פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיװע, צו געבן דער יוגנט אַ פאַרשטײערשאַפט צום קומענדיקן ציוניסטישן קאָנגרעס.

ה. עליה און קליטה.

די עליה קיין ישראל איז די אויפגאבע פון ציוניזם.

1. צוזאמען מיטן גרויסן שטראם עולים, וואס איז געקומען ווי א רעזולטאט פון דער מאטעריעלער נויט און פון פאליטישן און נאציאנאלן קלעם אין וועלכער עס האבן זיך געפונען די יידן פון מזרח און צענטראל אייראפע, זיינען שטענדיק עולה געווען יחידים און גרופן אויך פון די רוייקע לענדער אין וועלכע עס הערשט א פולע אדער פארהעלטניסמעסיקע זאטקייט, זיי זיינען געקומען צוליב ציוניסטישער איבערצייגונג און פרייען ווילן צו זיין צווישן די פאקטישע בויער פון זעלבסט-שטענדיקן יידישן לעבן.

2. די אנטשטייאונג פון ישראל, דער נייער לעבן פון א זעלבסטשטענדיקן פאלק, וואס

פארטיידיקט זיין אומאפהייניקייט מיט
גבורה, וואס לייגט פונדאמענטן פאר
א געזונטן עקאנאמישן לעבן, שאפט א נייע
קולטור און לעבט א מענטשלעכן און נאצ-
יאנאלן לעבן, אין א זעלישער און גייס-
טיקער הארמאניע - דאס אלץ איז משפיע,
און די קראפט פון דער דאזיקער השפעה
וואקסט אויך אין די זאטע לענדער און עס
שאפן זיך דארטן באדינגונגען פאר א גרייט-
קייט צו עליה.

3. די דאזיקע עליה, האט א ספעציעלע חשיבות
צוליב איר השפעה אויף דער געזעלשאפט-
לעכער, גייסטיקער, קולטורעלער און
וויסנשאפט-טעכנאלאגישער אנטוויקלונג
פון דער מדינה, - אויך פון שטאנדפונקט
פון דער ארגאנישער פארבונדנהייט פון די
יידישע ישובים אין דער פרייער וועלט
מיט ישראל, און המשך פון זייער נאציא-
נאלער עקזיסטענץ.

4. דער פרינציפ פון זעלבסט-פארווירקלעכונג, איז שטענדיק געווען איינער פון די אידעאלאגישע פונדאמענטן פון דער ציוניס-טישער ארבעטער באוועגונג, וועלכן זי האט פארקערפערט אין דער דערציאונג פון דער יוגנט, אין "החלוץ", אין דער התישבות העובדת א.א.וו. און מיט דעם האט זי זיך אויסגעטיילט פון די איבריקע שטרעמונגען אין דער ציוניסטישער באוועגונג.

5. אנטשפרעכנדיק צו דעם, האט די קאנפערענץ פעסטגעשטעלט:

א. די עליה קיין ישראל, איז א פערזענלעכע באדערפעניש פאר יעדן חבר אין דער באוועגונג. און עס קען נישט זיין אז די מיטגלידער פון אונזער באוועגונג זאלן משלים זיין צו לעבן אין גלות א לאנגע צייט.

די קאנפערענץ דערקלערט א ספעצ-
יעלע מאביליזאציע פון אירע חברים
און אקטיוויסטן צו עליה, וואס וועט
זיך אנהויבן אין סוף 1964, און וועט
זיך אויסדריקן אין ארגאניזירן גרופן
צו א געמיינזאמער עליה. יעדע גרופע
עולים וועט ארגאניזירט ווערן דורך
איינעם פון די אקטיווע פארטיי חברים
אין ארט פון וועלכן ער וועט עולה
זיין צוזאמען מיט דער גרופע. די
קאנפערענץ לייגט ארויף אויף דער
מזכירות פון איחוד העולמי, צוזא-
מענשטעלן א ספעציעלע קאמיסיע וועלכע
וועט שטיין אין שפיץ פון דער דאזיקער
עליה אפעראציע און וועט אכטונג געבן
אויף איר דורכפירונג.

ב. די קאנפערענץ פארפליכטעט צו ארגא-
ניזירן גרופן עולים לויט פארשיידענע
קאטעגאריעס (פרייע פראפעסיעס, טעכ-
ניקער, סטודענטן, יוגנט פאר פאך
אויסבילדונג, אינדוסטריע ארבעטער
א.א.וו.) צו א געמיינזאמער עליה
אנטשפרעכנדיק, א פון פאראויס באשטימטן
פלאן (צווישן די קאנדידאטן דארף
דורכגעפירט ווערן אן אויפקלערונג,
אין וועלכער עס דארף אונטערגעשטראכן
ווערן די לעבנס באדינגונגען פון דער
געזעלשאפט, און די עקאנאמישע און
קולטורעלע פארהעלטנעשן אין לאנד).

ג. מען דארף גרינדן אין לאנד א סטאבילן
סעמינאר פאר די שליחים פאר עליה, כדי
צוגרייטן זיי צו ארגאניזאציאנעלער
און אויפקלערערישער טעטיקייט אין
אויסלאנד אויפן געביט פון עליה.

6. אין לאנד האט זיך אנגעקליבן א וויכטיקע
דערפארונג אויפן געביט פון דער מאסן
קליטה (די עליה פון נויט און פון רע-
טונג), אבער די עליה וועלכע קומט פון
פרייען אויסוואל איז אן אנדערע אין איר
וועזן, אין אירע מאטיוון און באדערפע-
נעשן, און זי פאדערט א ספעציעלן צוגאנג
און באהאנדלונג. די עולים פון דער דא-
זיקער קאטעגאריע, ווערן געשטעלט פאר
א ספעציפישער פרווונג צוליב דער ענדע-
רונג אין זייער לעבנס שטייגער, און נאר
דורכן פארזיכערן פאסיקע באדינגונגען פון
קליטה, איז מעגלעך צו איבערווינדן די
דאזיקע שוועריקייטן. דאס הייסט, אז עס
איז אומבאדינגט נויטיק צו פלאנירן די
דאזיקע קליטה און די פלאנירונג דארף
זיין אויף וויפל עס איז נאר מעגלעך
א פראקטישע און אן אויספירלעכע צוגעפאסט
צו פארשיידענע געביטן און פארשיידענע

קרייזן מענטשן.

7. <u>אולפנים און וווינונגען.</u>

די עליה פון די פרייע לענדער וועט פארפליכטן קענטיק פארגרעסערן די צאל ערטער אין די אולפנים, און פארזיכערן וווינונגען פאר יחידים און שיכון פאר יונגע משפחות וואס איינער פון פארל איז עולה.

8. <u>פראפעסיאנעלע דערציאונג.</u>

מען דארף צוגרייטן פלענער פאר פארפולקאמונג און פראפעסיאנעלער צוגרייטונג, אין מלאכה און אינדוסטריע פאר פאכלאזע יונגע מענטשן, און פלענער צוצוגרייטן לערער, פרעבליסטינס, שוועסטער, טעכניקער א.ד.ג. די קאנדי- דאטן דערצו זיינען די אביטורענטן פון מיטלשולן וועלכע זיינען עולה. דאס דארף דורכגעפירט ווערן לויטן פרינציפ

פון דער מיטבאטייליקונג פון דער
יידישער אגענץ און פון דער רעגירונג
אין א קענטיקן טייל פון די הוצאות
(ווי אן הלואה).

9. מיטעלע און העכערע בילדונג.

נעמענדיק אין אכט אז אין אסאך פרייע לענדער איז די מיטעלע און העכערע ביל-דונג אן אומזיסטע, אן קיין שום אפצאל, דארף מען גרינדן א ספעציעלן פאנד צו העלפן די קינדער פון די נייע עולים אין דער ערשטער תקופה פון זייער קליטה, און דערמעגלעכן א נעץ פון אינטערנאטן ביי די מיטל שולן און הויך שולן כדי צו פוטיקן די עליה פון דער יידישער יוגנט צו פארזעצן זייערע למודים אין לאנד.

10. שיכון.

אין דער פאליטיק פון שיכון פאר

עולים, דארף מען זיך רעכענען מיט
א צענטראלן צוגאב פרינציפ פון צעש-
פרייטן די באפעלקערונג, מיט די מעג-
לעכקייטן צו באשעפטיקן מענטשן מיט
פרייע פראפעסיעס און מיט די ספעציפישע
קאטעגאריעס פון עולים.

רעכענענדיק זיך מיט די מעגלעכקייטן
און באדערפענעשן פון דער פרייער עליה,
דארף מען באשטימען פאר איר א קענטיקן
טייל פון די שיכונים אויף באדינגונגען
פון א חודש-אפצאל מיט אן אפציע צו
קויפן דאס הויז. פון דער אנדערער
זייט, דארף מען פארגרעסערן די משכנתא
פאר אלע וועלכע קויפן פריוואטע דירות,
צוגעפאסט, צו דעם ווי זיי ארדענען
זיך איין אין זייער ארבעט.

11. פארבעסערן דעם אויפזיכט אויף דער עליה און קליטה.

די צוקונפט פון דער פרייוויליקער עליה, איז אין א דעצידירנדיקער מאס אפהייננגיק פון דער פארבעסערונג פון די באדינגונגען פון דער קליטה. דער שליסל צו דער פארבעסערונג ליגט אין בטל מאכן די עקזיסטירנדיקע דאפלטקייטן וועלכע דערפירן צו מיספארשטענדנעשן, צו מאנגל אין צוועקמעסיקייט און אין אפשלעפן ענינים. דער ציל דארף זיין צו קאנצענטרירן די טעטיקייטן אין לאנד און אין אויסלאנד.

דעריבער באגריסט די קאנפערענץ, די באשלוסן פון דער ציוניסטישער עקזע-קוטיווע וועגן ארגאניזירן אן איינהייט-לעכע מאנשאפט אין אויסלאנד, צו פארנעמען זיך מיטן קאנדידאט צו עליה. אין צו-

נויפשטעלן בשותפותדיקע מאנשאפטן אין לאנד, וואס זייער טעטיקייט וועט זיין ווירקן עפעקטיווער און ווירקזאמער צו אויסנוצן און צופאסן די באדינגונגען פון די פארשיידענע אפטיילונגען פארן נייעם עולה.

ביז עס וועט אנשטיין א קאמפעטענטע און איינהייטלעכע ארגאניזאציע פאר עליה פון די מערב לענדער, וועלן די שליחים פון איחוד העולמי אין דער ציוניסטישער עקזע-קוטיווע און אין ציוניסטישן אקציאנס קא-מיטעט ווירקן צו רעאליזירן די שטרעבונג צו קאנסאלידאציע און קאנצענטראציע פון אלע עליה און קליטה פראצעסן.

12. די ציוניסטישע ארגאניזאציעס אין אויסלאנד און די פאראייניקונגען פון די עולים אין לאנד.

די באוועגונג וועט זארגן צו באטייליקן די ציוניסטישע לאנדעס ארגאניזאציעס אין אויסלאנד און די פאראייניקונגען פון די עולים אין לאנד אין די טעטיקייטן פון עליה און קליטה.

די קאנפערענץ שטרייכט אונטער די לעבנס-וויכטיקע פונקציע פון די "התאחדויות עולים" אין דער געזעל-שאפטלעכער קליטה און פאדערט אויף די חברים פון איחוד צו זיין טעטיק אין זייער ראם.

ו. דערציאונג און קולטור אין גלות.

א. די גרויסע מעגלעכקייטן צו איינשליסן זיך אין דער ארטיקער קולטור פון די זאטע לענדער, דער צוזאמענברוך פון טראדיציאנעלן לעבן, דאס אויסלייזיקן די שטוב פון יידישן אינהאלט, און די אלץ וואקסנדיקע השפעה פון דער קולטור פון די פעלקער אויפן יונגן יידישן דור - דאס אלץ לייגט גרויסע שוועריקייטן און שטרויכלונגען אויפן שטח פון דער דערציערישער טעטיקייט. פון דער צווייטער זייט, איז קענטיק אין דער יידישער וועלט, א נאציאנאלע אויפלעבונג צוליב דער אנטשטייאונג פון מדינת ישראל, און דאס דארף אויסגענוצט ווערן צו ראטעווען דעם נייעם דור פון די נעגל פון דער אסימילאציע.

ב. טראָץ די באַגריסונגסווערטע אָנשטריינ-
גונגען פון דעם דעפּאַרטאַמענט פאַר דער-
ציאונג און קולטור אין גלות ביי דער
יידישער אַגענץ, דערגרייכט די דערציִע-
רישע טעטיקייט פון דער ציוניסטישער
אָרגאַניזאַציע נאָר צו אַ באַגרענעצטן טייל
פון דער יוגנט, און דער גרעסטער טייל
פון דער יוגנט וואַקסט אָן אַ פאַרבינדונג
צום יידנטום. קען נישט זיין שפּראַך און
קולטור, און קען נישט די ווערטן פון
דער ציוניסטישער באַוועגונג און נישט
פון דער אַרבעטער באַוועגונג. די וועלט
קאָנפערענץ פון איחוד העולמי פאָדערט
אַ באַלדיקע טעטיקייט פון דער ציוניסטי-
שער באַוועגונג אויף די פאָלגענדע
שטחים:

1. גרינדן א גרויסע דערציערישע און
קולטורעלע באוועגונג אין דער
יידישער וועלט וועלכע זאל אויפ-
הויבן דעם אנזען פון דער יידישער
דערציאונג, וואס איר צענטער דארף
זיין א שולע באזירט אויף לערנען
די העברייאישע שפראך, די ווערטן
פון יידנטום און זיין טראדיציע,
די געשיכטע פון פאלק און זיין
מדינה, און די מאראלישע געזעל-
שאפטלעכע ווערטן פון אונזער נאצ-
יאנאלער אויפלעבונג.

2. מאכן גרויסע אנשטרענגונגען אויף
צו פארגרעסערן די צאל שולן און די
צאל תלמידים, כדי צו פארטיפן דאס
וויסן וועגן יידנטום. די ציוניס-
טישע באוועגונג, איז פארפליכטעט צו
מאביליזירן אלע אירע עסקנים און

מיטגלידער צו דעם דאזיקן צוועק, און
זיין די וועלכע באוועגט און דערמוטיקט
צו אקטיוויטעט אין יעדן לאנד. אן אום-
באדינגטער תנאי, אז די דאזיקע טעטיקייט
זאל געלינגען, איז דער פערזענלעכער
ביישפיל פון אלע חברים פון אונזער
פארטיי און זייער לעבנס שטייגער, אין
פארוואנדלען זייער שטוב, אין א יידישער
דערציערישער שטוב, און אין ארגאניזירן
עלטערן ארגאניזאציעס ארום דער דאזיקער
דערציאונגס אונטערנעמונג.

3. לעבנסוויכטיק פארן המשך פון דער דער-
ציערישער טעטיקייט אין גלות און איר
אויסברייטערונג, איז דאס צוגרייטן
לערער פארן גלות, און אין גלות אליין,
ארגאניזירן סעמינארן אין וועלכע עס
זאלן זיך פארפולקאמען לערער פון לאנד
און פון אויסלאנד. קודם כל אויסברייטערן

די עקזיסטירנדיקע אונטערנעמונגען:
דעם בית המדרש א.נ. פון חיים גרינבערג,
די לערן-אנשטאלטן פאר לערער אין די
גלותן, און שיקן לערער פון ישראל אין
גלות. אין פארלויף פון דער תקופה פון
פיר יאר - (פון איין קאנגרעס ביזן
צווייטן), דארף מען מאביליזירן לפחות
2500 לערער (אין לאנד און אין אויס-
לאנד) וואס וועלן זיין מסוגל צו דורכ-
פירן און רעאליזירן די ווענדונג אויפן
געביט פון דער יידישער דערציאונג. מען
דארף גאראנטירן אנשטענדיקע לעבנס באדינ-
גונגען פאר די לערער אין גלות און אויך
פאר זייער פאסיקער געזעלשאפטלעכער
פאזיציע. די קאנפערענץ פאדערט אויף דער
יוגנט אין ישראל צו א גערנוויליקער
דערציערישער שליחות אין גלות.

4. דער געבאט פון דער שעה איז, אז די יוגנט
און די דערוואקסענע זאלן דערוועררבן
ידיעות אין דער יידישער קולטור, דורך
גרינדן (מיט דער באטייליקונג פון דער
רעגירונג) א נעץ פון אינסטיטוטן פאר
יידישער קולטור, וואס זאל ברייגנען
פארן יונגן דור די בשורה פון דער
באנייטער העברייאישער קולטור אין זיין
פאטערלאנד.

5. כדי די טעטיקייטן זאלן רעאליזירט ווערן
אין זייער נייעם פארנעם, איז די ציו-
ניסטישע באוועגונג פארפליכטעט צו שטעלן
אין איר רשות אירע בעסטע מענטשן, און
פאסיקע פינאנסיעלע מיטלען. די דאזיקע
ווענדונג וועט פארפליכטן די מיטבאטיי-
ליקונג פון מדינת ישראל אין דער רעאלי-
זירונג פון דער אויפגאבע.

6. די קאנפערענץ פאדערט אויף אלע לאנדעס פארטייען און זייערע סניפים, צו גרינדן אולפנים צו לערנען עברית, יידישע גע-שיכטע און די געשיכטע פון מדינת ישראל און די ווערטן פון יידנטום.

7. די קאנפערענץ ווענדעט זיך צו די דער-ציאונגס אנשטאלטן אין ישראל צו פארטיפן די לערע פון יידישן באוווסטזיין, כדי דער יונגער דור זאל דערקענען אונזער פאלק אין גלות, זיין לעבן, זיינע ראנג-לענעשן און גייסטיקע שאפונגען, און כדי עס זאל פארשטארקט ווערן די פארבינדונג צווישן אלע טיילן פון יידנטום אין לאנד און אין די תפוצות.

8. די קאנפערענץ פאדערט אויף אלע אונזערע חברים צו א פארשטארקטער טעטיקייט אין ברית עברית עולמית.

ג. אין די דאזיקע באדינגונגען ליגט אויף דער ציוניסטישער באוועגונג די פליכט פונדאסניי און מיט נאך מער קראפט אויפהויבן די פאן פון יידישער קולטור און דערציאונג, וואס נאר זיי אליין קענען דערפירן צו א נאציאנאלער אויפלעבונג.

ד. <u>די אויפגאבע פון אונזער באוועגונג אויפן געביט פון דערציאונג.</u>

אויף דער באוועגונג פון איחוד העולמי, וואס האט אין דער פארגאנגענהייט פארשריבן הערלעכע בלעטער אין דער געשיכטע פון דער יידישער קולטור און דערציאונג, ליגט די אויפגאבע צו זיין דער לעבעדיקער גייסט און דער רוקןביין אין דער דאזיקער היסטארישער אונטערנעמונג. צו באשטימען די וועגן פון די טעטיקייטן פון דער ציוניסטישער

באוועגונג אויפן דאזיקן שטח, צו
דערוווערבן א גרויסע אלגעמיין געזעל-
שאפטלעכע אנערקענונג און גרינדן אן
איבערפארטייאישע יידישע באוועגונג,
וואס וועט זיין א סטימול פאר פארשטארק-
טער טעטיקייט אויפן געביט פון יידישער
דערציאונג אין די תפוצות; וועט העלפן
דעם דעפארטאמענט פאר קולטור און דער-
ציאונג אין גלות און זיין טעטיקייט;
וועט מוטיקן פעדאגאגישע כוחות, וועט
פלאסטערן נייע וועגן פאר דער דאזיקער
טעטיקייט; וועט מאבילידירן די נויטיקע
מיטלען פאר דער דאזיקער ארבעט, און
וועט פארפליכטן אונזערע חברים צו
געבן זייערע קינדער א נאציאנאלע
דערציאונג.

— —

ז. פראגן פון דער יוגנט
און דער חלוצישער באוועגונג.

א. צוליב דער סכנה פון אסימילאציע וועלכע
ווערט פארשטארקט און באדראט די צוקונפט
און די עקזיסטענץ פון פאלק אין גלות,
און צוליב דערווייטערן זיך פון יונגן
דור פון פערזענלעכער אחריות און פאראינ-
טערעסירונג מיטן גורל פון פאלק - אונטער-
שטרייכט די קאנפערענץ די נויטווענדיקייט
אין א פארשטארקטער און אויסגעברייטערטער
טעטיקייט אין דער יידישער יוגנט אין
גלות, אין די פאלגנדע ריכטונגען:

1. איינפלאנצן א יסודותדיקע איבערציי-
גונג, וועגן דער איינקייט פון
יידישן פאלק אין אלע תפוצות, וואס
איז באזירט אויף דער בארירונג מיטן
ישראלדיקן באדן, אויף דער שותפות
פון יידישן גורל, אויף דער היסטא-

רישער, מאראלישער און קולטורעלער
ירושה, און אויפן צענטראלן ארט פון
מדינת ישראל אין לעבן פון פאלק.

2. ארייגדרינגען דאס באוווסטזיין, לויט
וועלכן די פולע לעזונג פון נאציאנאלן
און געזעלשאפטלעכן פראבלעם פון יידישן
פאלק ליגט אין א ציוניסטיש-סאציאליסטישן
לעבנס-וועג, און אין גרינדן א פרייע
ארבעטער געזעלשאפט אין דער סוווערענער
מדינת ישראל, וועלכע איז באזירט אויף
יסודות פון סאציאלן יושר, פאליטישער
פרייהייט, עקאנאמישער גלייכהייט,
קעגנזייטיקער פאראנטווארטלעכקייט,
און פארווירקליכנדיקן חלוציזם.

3. דער הויפט-וועג צו פארווירקלעכן די
דאזיקע אויפגאבן, ליגט אין גרינדן
א קעמפערישע חלוצישע ארגאניזאציע,
וואס אין איר צענטער, שטייט דער

פערזענלעכער ביישפּיל פון מענטש,
וואָס פאַרווירקלעכט זיינע פּרינציפּן.

4. אין צענטער פון דער דערציאונג פון דור אין אויסלאַנד, וועט שטיין די צוגרייטונג פון מענטש צו עליה קיין ישראל.

ב. די חלוצישע באַוועגונג.

1. די קאָנפערענץ באַשטימט, אַז די חלוצישע דערציאונג, דאַרף זיין די צענטראַלע זאָרג פון דער גאַנצער באַוועגונג, און אַז די פּאַרטייען אין די לענדער, דאַרפן געבן די פולע הילף דער חלוצישער באַוועגונג אין אַלע אירע קאַמפּאַניעס. די קאָנפערענץ פאָדערט פון די חברים פון דער פּאַרטיי, צו שיקן זייערע קינדער אין דער חלוצישער באַוועגונג.

2. די באוועגונג דארף אננעמען אלע
מיטלען וועלכע שטייען אין איר
רשות, צו עפענען די יידישע שולן
פאר דער חלוצישער באוועגונג.

3. די קאנפערענץ זעט אין דער עקזיס-
טענץ פון דער חלוצישער הכשרה אין
גלות און אין ישראל א וויכטיקן
אינסטרומענט, אויף צוגרייטן דעם
דערוואקסענעם, צו דערפילן זיין
אויפגאבע אין דער פארווירקלעכונג,
און זי מוטיקט די טענדענץ אפצולייגן
די דעציזיע וועגן וועג פון דער חלו-
צישער פארווירקלעכונג אין די יוגנט
באוועגונגען ביזן עלטער פון 25 יאר.

4. די קאנפערענץ אונטערשטרייכט די
נויטווענדיקייט צו פלעגן יידישע
קולטורעלע ווערטן אין די יוגנט
באוועגונגען און די פליכט צו

לערנען עברית זייערע מיטגלידער.

5. די קאנפערענץ, גיט צו א גרויסע
חשיבות דער מיטארבעט צווישן אלע
חלוצישע און ציוניסטישע באוועגונ-
גען, און דאס גרינדן אן ארגאניזאצ-
יאנעלע ראט, פאר די דערוואקסענע פון
די חלוצישע באוועגונגען און אנדערע
יונגע מענטשן, וואס האבן באשלאסן
עולה זיין קיין ישראל. די דאזיקע ראט
וועט זיין זייער א וויכטיקער אינסט-
רומענט אויף צוציען צוגאב קרייזן פון
דער יוגנט צום חלוצישן לאגער.

ג. <u>המשמרת הצעירה</u>.

1. די קאנפערענץ זעט איינע פון אירע
גרעסטע דערגרייכונגען אין גרינדן און
אנטוויקלען די ארגאניזאציע פון דער
משמרת הצעירה (יונגע שיכט) (צעירי

פועלי ציון, "בילו" גרופן פון
"הבונים" א.א.וו.), וואס גאראנטירן
א המשך און נאכאנאנדערקייט פאר אונ-
זערע פארטייען, און וועלכע זיינען
א יסוד פארן אויסבויען א נייע באווע-
גונג פון יידישער יוגנט - און די
פארפליכטעט דער מזכירות פון איחוד
העולמי צו אונטערזוכן די וועגן צו
גרינדן סניפים פון דער משמרת הצעירה
אין צוגאבלעכע לענדער, און באשטימען
דעם אופן פון דער פארבינדונג צווישן
זיי, און ברייגנען פארן וועלט מרכז
אן אויספירלעכן פלאן אין דער דאזיקער
פראגע. די מיטגלידער פון דער משמרת
הצעירה דארפן זיין אין עלטער פון
20-30. מען דארף אויך באשטימען אן
איינהייטלעכן נאמען פאר אלע יוגנט
ארגאניזאציעס אין דער באוועגונג.

2. מען דארף פארשטארקן די חלוצישע באוועגונג "איחוד הבונים" און די ארגאניזאציעס פון דער "משמרת הצעירה", פארגרעסערן די הילף וואס ווערט זיי געגעבן, כדי זיי זאלן זיך באפרייען צו א פארשטארקטער דערציערישער און ארגאני-זאציאנעלער טעטיקייט, און כדי זיי זאלן אויסברייטערן זייער טעטיקייט אויך אין די לענדער, אין וועלכע עס עקזיסטירן נאך נישט קיין סניפים פון דער באוועגונג.

3. די קאנפערענץ פארפליכטעט דער מזכירות פון איחוד העולמי צו אויסזוכן וועגן ווי אזוי אקטיוויזירן די "יונגע-דער-וואקסענע" אין ראם פון דער באוועגונג בפרט און אין דער ציוניסטישע באוועגונג בכלל.

ד. די ציוניסטישע און די אלגעמיינע יוגנט.

1. די קאנפערענץ זעט די טעטיקייט צווישן דער יידישער יוגנט, - דער אלגעמיינער און דער ציוניסטישער - ווי איינע פון די עיקרדיקע זארגן פון דער באוועגונג, און באשליסט וועגן אן אומפאנגרייכער איניציאטיוו פון די חברים פון איחוד אין די דאזיקע ארגאניזאציעס.

2. די מיטארבעט פון אלע יידישע יוגנט ארגאניזאציעס אין גלות, אין צענטער און אין די ראיאן און לאנדעס סניפים, וועט זיין באזירט אויף דריי גרונט פרינציפן:

א. פלעגן יידיש באוווסטזיין.

ב. די פערזענלעכע פארבינדונג מיט ישראל.

ג. לערנען די העברייאישע שפראך.

ה. סטודענטן און יונגע אקאדעמיקער.

1. די באוועגונג, אין די לענדער און אין צענטער, דארף זיך ווידמען די טעטיקייטן צווישן די יידישע סטודענטן אין גלות, כדי דערנענטערן זיי צום ציוניזם און צו אונזער באוועגונג.

2. די מזכירות פון איחוד העולמי דארף:

א. אנטוויקלען אן אויפקלערערישע טעטיקייט צווישן די יידישע סטודענטן וועלכע לערנען אין ישראל.

ב. אנקניפן א קאנטאקט מיט די יידישע סטודענטן ארגאניזאציעס אין ישראל, כדי דערנענטערן זיי צו די טעטיקייטן פון דער באוועגונג אין גלות.

3. די קאנפערענץ באשליסט, אז די באוועגונגען דארפן ווידמען א ספעציעלע אויפמערקזאמקייט דער ארגאניזאציע

און צוגרייטונג פון יונגע אקאדעמיקער פאר זייער עליה קיין ישראל אין דער ראם פון פאטוו"א, און באזירן די דא-זיקע ארגאניזאציעס אויף פערזענלעכער אנגעהעריקייט.

ו. <u>די יוגנט אין ישראל</u>.

זייענדיק איבערצייגט אין דער שותפות און קעגנזייטיקער פאראנטווארטלעכקייט פון דער מדינה און דעם פאלק אין די תפוצות, פאדערט די קאנפערענץ צו אנט-וויקלען אין דער ישראלדיקער יוגנט די דערקענטעניש פון גלות, און פלעגן אין איר די זעלישע פארבינדונג מיטן יידנטום אין די תפוצות.

ז. <u>שליחים</u>.

די קאנפערענץ מוטיקט די שליחים פון דער באוועגונג, וועלכע זארגן צו באקענען

די יידן פון די תפוצות מיטן אויסדרוק
פון דער באוועגונג, און באשליסט צו
שטיצן די גרינדונג פון אן אינסטיטוט
צו צוגרייטן שליחים פאר א טעטיקייט
צווישן דער יוגנט אין גלות.

ח. בודזשעט.

די פארשטייער פון דער באוועגונג אין
נאענטן ציוניסטישן קאנגרעס, דארפן פאדערן
צו פארטאפלען דעם בודזשעט וואס איז באש-
טימט פאר די טעטיקייטן פון דער יוגנט אין
גלות.

ט. די יוגנט אין ציוניסטישן קאנגרעס.

די קאנפערענץ באגריסט די רעקאמענ-
דאציע פון דער קאמיסיע פארן געבוי פון
דער ציוניסטישער ארגאניזאציע צו איינלאדן
צום נאענטן ציוניסטישן קאנגרעס 50 פאר-
שטייער פון די יידישע יוגנט באוועגונגען

אין גלות. די אינסטאנצן פון דער באוועגונג דארפן זארגן פאר א פאסיקער פאר-שטייערשאפט פון אונזער באוועגונג אין דער דאזיקער ראם. דער קאנגרעס ווערט אויפגע-פאדערט צו געבן די פארשטייער פון דער יוגנט א סטאטוס פון דעלעגאטן מיט פולע רעכט.

--- ---

ח. דער דעמאקראטישער סאציאליזם.

די קאנפערענץ פון איחוד העולמי, אידענטיפיצירט זיך מיטן קאמף פון דעמאקראטישן סאציאליזם פאר דער באפרייאונג פון אונטערדריקטע פעלקער, און פאר א נייער ארדענונג אין דער וועלט, וועלכע זאל זיין געבויט אויף יסודות פון געזעלשאפטלעכן צדק.

די קאנפערענץ דריקט אויס איר צופרידנהייט, צוליב דער אקטיווער באטייליקונג פון מפא"י און איחוד העולמי אין סאציאליסטישן אינטערנאציאנאל, און זי רופט צו פארשטארקן די פארבינדונג מיט די סאציאליסטישע און דעמאקראטישע כוחות אין די פארשיידענע לענדער און זייער טעטיקייט אין אלגעמיינעם געזעלשאפטלעכן לעבן.

די קאנפערענץ שטרייכט אונטער די וויכטיקייט פון די פייערלעכקייטן, וועלכע ווערן געגרייט לכבוד דעם הונדערטסטן

יארטאג זינט עס איז געגרינדעט געווארן
דער ערשטער אינטערנאציאנאל, און לייגט
ארויף אויף דער מזכירות פון איחוד
העולמי צו שיקן א דעלעגאציע צום ספעציעלן
קאנגרעס פון סאציאליסטישן אינטערנאציאנאל,
וועלכער וועט זיך צונויפקומען אין בעלגיע,
און וועט זיין געווידמעט, דער דאזיקער
היסטארישער געשעעניש.

— —

ט. דער סטאטוס פון איחוד העולמי.

<u>דער נאמען</u>

1. דער נאמען פון דער ארגאניזאציע:
(פועלי-ציון - צ.ס. - התאחדות).

2. דער איחוד העולמי (פועלי-ציון - צ.ס. - התאחדות) איז די וועלט ראט פון די פארטייען און די לאנדעס ארגאניזאציעס, וואס ווירקן פאר דער פארווירקלעכונג פון די ווערטן פון דער ציוניסטיש-סאציאליסטישער ארבעטער באוועגונג און וואס אידענטיפיצירן זיך מיט די צילן פון דער ארץ-ישראלדיקער ארבעטער פארטיי (מפא"י).

<u>מיטגלידערשאפט</u>

3. א. די אנגעהעריקייט צו דער וועלט באוועגונג, איז מעגלעך דורך א פולער מיטגלידערשאפט אדער דורך א באגלייטנדיקער מיטגלידערשאפט.

ב. א לאנדעס ארגאניזאציע, וואס וועט אויסדריקן איר ווילן צו אנשליסן זיך אין איחוד העולמי מיט א סטאטוס פון פולער מיטגלידערשאפט, אדער באגלייטענ-דיקער מיטגלידערשאפט – וועט פריער רעקא-מענדירט ווערן פארן מרכז דורך דער לאנדעס ראט פון דער באוועגונג, אדער דירעקט דורך דער מזכירות פון איחוד העולמי.

ג. דער אנשלוס אין איחוד העולמי, וועט באשטעטיקט ווערן דורך דער וועלט צענטראלע פון דער באוועגונג, מיט א געוויינטלעכער מערהייט פון דער צאל אנטיילנעמער אין דער דאזיקער זיצונג.

ד. ארגאניזאציעס מיט א סטאטוס פון באג-לייטנדיקער מיטגלידערשאפט אין איחוד העולמי, וועלן האבן באראטונגס רעכט אין

די צענטראלע אינסטאנצן פון דער וועלט באוועגונג, און די פארשטייערשאפט אין די דאזיקע אינסטאנצן, וועט באשטימט ווערן, נאר דורך דער פארמיטלונג פון דער לאנדעס ראט, לויט א באשלוס פון דער וועלט צענטראלע.

ה. ארגאניזאציעס, מיטגלידער אין איחוד העולמי, וועלן צאלן א יערלעכן שטייער דעם איחוד, דורך דער לאנדעס-ראט. די סומע וועט באשטימט ווערן דורכן סעקרע-טאריאט פון איחוד העולמי.

דאס רעכט צו באטייליקן זיך אין דער קאנפערענץ פון איחוד העולמי, וועט געגעבן ווערן נאר די ארגאניזאציעס - וואס זייערע מיטגלידער האבן דערפילט זייער פליכט פון איינצאלן דעם שטייער.

ו. מיטן באשטעטיקן דעם דאזיקן סטאטוס, וועלן פארעכנט ווערן ווי פולע מיטגלידער,

אלע ארגאניזאציעס און לאנדעס פארטייען,
וועלכע זיינען געווען אנגעשלאסן אין
איחוד העולמי, אין דער צייט ווען דער
סטאטוט איז אנגענומען געווארן.

אינסטאנצן

4. אינסטאנצן פון דער באוועגונג.

א. די וועלט קאנפערענץ.

1. די וועלט קאנפערענץ פון
איחוד העולמי, וועט זיך
צונויפקומען, ווייניקס-
טנס איין מאל אין 4 יאר,
און וועט צוזאמענגעשטעלט
ווערן פון געוויילטע פאר-
שטייער פון די פארטייען
און די ארגאניזאציעס,
וועלכע זיינען אנגעשלאסן
אין איחוד.

2. די לאנדעס פארשטייערשאפט צו דער קאנפערענץ וועט באשטימט ווערן לויט א מעסטער פון: איין דעלעגאט, אויף יעדע 5,000 חברים, בתנאי:

א. אז די פארשטייערשאפט פון א לאנד זאל נישט איבערשטייגן אין איר צאל א דריטל פון די מיטגלידער פון דער קאנפערענץ.

ב. אז יעדעס לאנד זאל האבן רעכט אויף א פארשטייערשאפט פון 2 דעלעגאטן לפחות.

3. דער סעקרעטאריאט פון איחוד העולמי, האט רעכט צו גרינדן א נייטראלע קער-פערשאפט וועלכע זאל דעצידירן אין דער פראגע פון א פארשטייערשאפט פון א לאנד, אין וועלכער עס עקזיסטירן פארשיידענע באוועגונגס-קערפערשאפטן, און וועבן דער אלגעמיינער צאל דעלע-

גאטן צו דער קאנפערענץ פון דאזיקן לאנד. די דעצידזיע פון דער אויבנדער-מאנטער קערפערשאפט, וועט זיין אן ענטגילטיקע.

4. די וועלט קאנפערענץ באהאנדלט און דעצידירט אין אלע פראגן פון דער באַ-וועגונג. א פארשלאג צום טאג-ארדנונג פון דער קאנפערענץ וועט געבראכט ווערן דורך דער מזכירות פון איחוד העולמי, צו באהאנדלונג אין די פארטייען אין די לענדער, 4 חדשים פארן צוזאמענקום פון דער קאנפערענץ. דער סדר-היום, וועט ענטגילטיק באשטימט ווערן דורכן סעקרע-טאריאט פון איחוד נאך א באראטונג מיט די פארטייען אין די לענדער.

5. די קאנפערענץ וויילט אויס א וועלט-צענטראל-קאמיטעט פון דער באוועגונג וועלכער באשטייט פון 71 מיטגלידער און

36 פארטרעטער. די קאנפערענץ וויילט
אויס, אויך דעם גענעראל סעקרעטאר פון
איחוד העולמי.

ענדערונגען אין צוזאמענשטעל פון מרכז
צווישן איין קאנפערענץ און דער צווייטער,
קענען פארקומען, לויט זיין באשלוס, מיט
דער רעקאמענדאציע פון סעקרעטאריאט פון
איחוד העולמי, און נאך א באראטונג מיט
די טעריטאריאלע קערפערשאפטן, וואס
זיינען דערמיט פארבונדן.

6. די קאנפערענץ מעג איבערגעבן פון איר
קאמפעטענץ דעם מרכז און דעם סעקרעטאריאט
פון איחוד העולמי.

7. די קאנפערענץ וויילט אויס דאס הויכע
ערן-געריכט, וואס וועט זיין צוזאמענ-
געשטעלט פון 7 - 11 מיטגלידער, און אין
זיין קאמפעטענץ וועט זיין צו באהאנדלען
די ענינים וואס זיינען אים פארגעלייגט

געוואָרן דורך דער קאָנפערענץ, מרכז אָדער
דורך דער מזכירות.

ב. <u>די וועלט צענטראַלע</u>.

1. די וועלט-צענטראַלע, וועט זיך צונויפ-
קומען לפחות, איין מאָל אין יאָר, און
וועט באַהאַנדלען די פּאַראַגראַפן פון סדר-
היום, וואָס וועלן איר פאָרגעלייגט
ווערן דורכן סעקרעטאַריאַט פון איחוד
העולמי.

די וועלט צענטראַלע, איז קאָמפּעטענט
צו באַשליסן אין יעדער פראַגע, וועלכע
שטייט ניט אין קעגנזאַץ צו די באַשלוסן
פון דער קאָנפערענץ און צום סטאַטוט.

2. די צענטראַלע האָט רעכט אויסצווויילן
נאָך מיטגלידער, פון די אַקטיוויסטן
פון דער באַוועגונג פון אויסלאַנד,
וועלכע זיינען עולה געווען צווישן

איין קאנפערענץ און דער צווייטער,
בתנאי אז זייער צאל זאל נישט איבער-
שטייגן 10% פון אלגעמיינעם צאל מיט-
גלידער פון דער צענטראלע.

3. די וועלט צענטראלע, ווילט אויס
די מזכירות פון איחוד העולמי, וועלכע
וועט ציילן 25 מיטגלידער. פאר די חברים
פון אויסלאנד וועלן באשטימט ווערן
סטאבילע פארטרעטער.

ג. <u>דער סעקרעטאריאט</u>.

דער סעקרעטאריאט באהאנדלט און באשליסט
אין אלע לויפנדיקע פראגן פון דער באווע-
גונג, באהאנדלט און קאארדינירט דעם טעטי-
קייטס פלאן פון יעדן לאנד; רעפרעזענטירט
די וועלט-באוועגונג אין אינסטאנצן און
אין צווישן לענדערישע ארגאניזאציעס;
באשליסט און באשטימט דעם בודזשעט פון
דער באוועגונג.

ד. די הויפּט ביורא.

דער סעקרעטאריאט וועט אויסוויילן פון זיך א הויפּט ביורא, פון 9 - 11 מיטגלידער, וואס וועט צוזאמען מיטן גענעראל סעקרעטאר זיין פאראנטווארטלעך פארן דורכפירן די באשלוסן פון די אינסטאנצן. די הויפּט ביורא איז פאראנטווארטלעך כלפּי דער מזכירות.

ה. די לאנדעס סניפים.

1. די ראט פון איחוד העולמי אין יעדן לאנד, וועט באשטימט ווערן דורך אן אלגעמיינער ארגאניזאציע, אדער דורך א פעדעראציע פון קערפּערשאפטן, וואס נעמען אן דעם סטאטוט פון איחוד העולמי, דעם וועג פון דער באוועגונג און די דיסציפלין פון די צענטראלע וועלט-אינסטאנצן.

2. יעדע קערפּערשאפט, אדער ארגאניזאציע, וועלכע נעמט אן די יסודות פון סטאטוט

פון דער באוועגונג - וועט אנגענומען
ווערן אין דער לאנדעס ראט.

3. די העכסטע אינסטאנץ פון דער לאנדעס ראט, איז די לאנדעס קאנפערענץ, וועלכע וועט זיך צוזאמענקומען איין מאל אין צוויי יאר, און אין איר וועלן אויסגעוויילט ווערן די צענטראלע אינסטאנצן פון דאזיקן לאנד.

4. א סניף וואס ארבעט אין קעגנזאץ צום רעגלאמין אדער צום סטאטוט - וועט אויס- געשלאסן ווערן פון דער ראט, אנטשפרעכנ- דיק צום אורטייל פון הויכן געריכט.

5. א סניף וואס איז אויסגעשלאסן געווארן, אדער א סניף וואס מען האט נישט געוואלט אננעמען אין דער לאנדעס ראט - מעג אפע- לירן צום מרכז פון איחוד העולמי, און זיין באשלוס וועט זיין אן ענטגילטיקער.

6. די קאמפעטענץ פון די טעטיקייטן פון די קערפערשאפטן וואס זיינען ארגאניזירט אין דער לאנדעס ראט, וועט באשטימט ווערן אין לאנדעס סטאטוט, אנטשפרעכנדיק צום סטאטוט פון דער וועלט-באוועגונג.

7. אלע קערפערשאפטן און ארגאניזאציעס וועלכע שאפן די לאנדעס ראט, זיינען אונטערגעווארפן דער דיסציפלין און געהארכזאמקייט פון די לאנדעס אינסטאנצן, און דארפן אויספירן די באשלוסן פון די אויסגעוויילטע אינסטאנצן.

--- ---

י. שטריכן און טעטיקייטס פּלאַן
פון איחוד העולמי.

א. ווירקן פאר א קענטיקער אויסברייטערונג פון אונזערע פארטייען אין די פארשיי- דענע לענדער דורך:

1. אריינפירן יידישע אינטעליגענץ אין זייערע רייען, און אנשליסן יידישע קערפערשאפטן, וואס שטייען אידייאיש נאענט צו דער באוועגונג, און וואס נעמען אן איר פראגראם.

2. ארגאניזירן ברופן סטודענטן, און גרינדן קלובן אויף צוציען דער לער- נענדיקער יוגנט צו אונזער באוועגונג.

ב. שוועסטער-ארגאניזאציעס.

די עקזיסטירנדיקע פארטייען, זיינען פארפליכטעט צו מיטארבעטן מיט די פיאנערן פרויען ארגאניזאציעס, אין אלע שטחים פון

דער ציוניסטישער און געזעלשאפטלעכער
טעטיקייט, און זארגן פאר זייער פאסי-
קער רעפרעזענטאנץ, אין די נאציאנאלע
און געזעלשאפטלעכע קערפערשאפטן אין
די ערטער.

זיי ווערן אויך אויפגעפאדערט צו
העלפן ארגאניזירן סניפים פון פיאנערן
פרויען אין די לענדער, אין וועלכע זיי
עקזיסטירן נאך נישט.

די פארטיי אין די פאראייניקטע
שטאטן דארף מיטארבעטן מיטן "נאציאנאלן
ארבעטער פארבאנד", און מיט אלע אנדערע
קערפערשאפטן וואס ארבעטן לטובת דער
הסתדרות העובדים אויפן עקאנאמישן געביט,
אדער אויפן פאליטישן געביט.

ג. מיט דער הילף פון אירע אינסטיטוציעס,
וועט די וועלט באוועגונג גרינדן

א דערציאונגס אינסטיטוט פאר אקטיוויסטן פון אויסלאנד, וואס וועט אין אן ענגער מיטארבעט מיט בית ברל, דערציען אקטיוויסטן פאר דער באוועגונג אין די תפוצות. דער אינסטיטוט וועט אנגעפירט ווערן דורך א קוראטאריום, וואס וועט צוזאמענגעשטעלט ווערן פון פארשטייער פון דער מזכירות, פון בית ברל, און פון חברים פון אויסלאנד. די לעצטע וועלן נאמינירט ווערן דורך דער מזכירות פון איחוד העולמי. דער אינסטיטוט וועט האבן אן אייגענע סטאבילע פארוואלטונג.

די אויפגאבן פון אינסטיטוט.

1. ער וועט ברענגען גרופן אקטיוויסטן פון דער באוועגונג, פון פארשיידענע לענדער צו פארפולקאמונג.

2. איין מאל אין יאר אדער אין צווי יאר, וועט ער דורכפירן ספעציעלע

סעמינארן פאר פארשיידענע אקטיוויסטן
אין דער יוגנט און פאר סטודענטן פון
די אוניווערסיטעטן, לויט א ספעציעלן
אויסוואל.

3. ער וועט באשטימען א סטאבילן קאדער
פון פרעלעגענטן און פראפעסארן,
וועלכע וועלן באזוכן די לענדער, און
וועלן זיך באטייליקן אין דער אידעא-
לאגישער און קולטורעלער טעטיקייט פון
דער פארטיי. ער וועט אויך זארגן פאר
אן אויסטויש פון אינטעלעקטועלע כוחות
צווישן די לענדער.

ד. עס וועט געגרינדעט ווערן א ביבליאטעק
אין וועלכער עס וועט זיין ליטעראטור אין
אייניקע שפראכן, וואס וועט קענען באש-
פייזן דער גאנצער באוועגונג.

ה. עס וועט געגרינדעט ווערן א פארלאג
פון דער וועלט באוועגונג, און ער וועט

האבן דריי צענטערן: פאר יידיש און
שפאניש ריידנדיקע - אין ארגענטינע,
פאר פראנצויזיש ריידנדיקע אין פאריז
(מיט דער הילף פון "לא טער-רעטרווע"),
אין ענגליש - אין צפון אמעריקע, מיט
דער הילף פון "שרון-בוקס".

דער פארלאג וועט האבן א רעדאקציע
פון מיטגלידער פון ישראל און פון אויס-
לאנד.

ו. די באוועגונג וועט מוטיקן דאס גרינדן
אינסטיטוטן "בית ברל" פאר אידעאלאגישער
פארטיפונג אין אלע לענדער, אין וועלכע
דאס לאזט זיך דורכפירן.

ז. עס וועלן אויפגעשטעלט ווערן פארטיי
הייזער אדער קלובן, אין די וויכטיקע
יידישע צענטערן, כדי חברים און פריינט
זאלן זיך קענען אויסלעבן אידעאלאגיש
און קולטורעל אין א פארטייאישער סביבה.

מען דארף גרינדן א ספעציעלן פאנד,
צו רעאליזירן די דאזיקע פלענער.

ח. בא דער מזכירות פון איחוד העולמי,
וועט אנטשטיין א ספעציעלע אפטיילונג,
אויף אויסוויילן שליחים פאר טעטיקייטן
אין דער באוועגונג און אויך פאר אלגע-
מיינער שליחות.

ט. בא דער מזכירות פון איחוד העולמי,
וועט אנטשטיין א ספעציעלע אפטיילונג
פאר דער פרעסע, וואס איר אויפגאבע
וועט זיין צו קאארדינירן די ריכטונג
פון די צייטונגען וואס ווערן ארויס-
געגעבן דורך די פארטייען אין די פאר-
שיידענע לענדער און ריכטן זיי אין
גייסט פון אונזער באוועגונג.

עס וועט ארויסגעגעבן ווערן א דריי
חדשים'דיקער אידעאלאגישער זשורנאל

אין דריי שפראכן: אין יידיש, ענגליש
און אין שפאניש.

דער סעקרעטאריאט פון איחוד העולמי
וועט פארזעצן ארויסגעבן ביולעטינען,
וואס וועלן זיך פארנעמען מיט איינער-
לעכער אויפקלערונג און אינפארמאציע
און וועט זארגן צו העלפן די פארטייען,
וואס האבן נישט קיין מעגליכקייטן
ארויסגעבן זייערע אייגענע צייטונגען.

י. עס וועלן געגרינדעט ווערן פיר
ראיאן-ביוראען, צו קאנצענטרירן און צו
קאארדינירן די טעטיקייטן פון דער פארטיי
אין די פארשיידענע לענדער:

א. אין פאריז - פאר אייראפע;
ב. אין ארגענטינע - פאר דרום אמעריקע
(ארגענטינע, בראזיל, אורוגוואי,
טשילי, פערו, פאראגוואי און בא-
ליוויע);

ג. אין מעקסיקע - פאר צענטראל אמעריקע
(ווענעצועלא, קאלומביע, און אלע
איבעריקע קליינע מדינות);

ד. אין ניו-יארק - פאר די פאראייניקטע
שטאטן און פאר קאנאדא.

די ראיאן ביוראען, וועלן צוזא-
מענגעשטעלט ווערן פון פארשטייער
פון די פארטייען אין די פארשיידענע
לענדער, אנטשפרעכנדיק די כוחות
פארהעלטנישן, און אין קאארדינאציע
מיטן סעקרעטאריאט פון איחוד העולמי.

--- ---

יא. די אינסטאנצן פון דער באוועגונג.

דער צענטראל קאמיטעט

אברך ישעיהו	-	ישראל
אידעלסאן בעבא	-	ישראל
אנצער מאיר	-	ישראל
אסקאט ראזשע	-	פראנקרייך
אריכא יצחק	-	ישראל
באומגאלד זאב	-	פאראייניקטע שטאטן
באנטשעק יששכר	-	פאראייניקטע שטאטן
בורשטיין יצחק	-	אורוגוואי
בידערמאן זשארזש	-	קאלומביע
בידערמאן י.מ.	-	פאראייניקטע שטאטן
בלאך עוזי	-	ישראל
בלאנשיי דבורה	-	קאנאדע
בעקער אהרן	-	ישראל
בערגער ק	-	קאנאדע
ברודער ש.	-	קאנאדע

בערקאוויטש ליליא - ענגלאנד

בערקאוויטש יעקב - ישראל

ברקת ראובן - ישראל

ברעם משה - ישראל

בריח אפרים - ישראל

גוטקין אלימלך - ארגענטינע

זשארזש פ.מ. - ענגלאנד

גלאנץ יעקב - מעקסיקע

גלייזער שמואל - טשילי

גערסטנער נתן - טשילי

דאבקין אליהו - ישראל

דן חיים - ישראל

ד"ר הורביץ - ישראל

הראלי שושנה - ישראל

הרכבי יצחק - ישראל

וואלפאוויטש שושנה - ארגענטינע

וייץ רענן - ישראל

וואן-רעלטא ט.ר. - האלאנד

וועסט בנימין - ישראל

זאקלער אסתר - פאראייניקטע שטאטן

חאווקין גאולה - ישראל

חדד עזרא - ישראל

חצור שמואל - ישראל

טעלער בנימין - פאראייניקטע שטאטן

טראפ הארי - דרום אפריקע

טריוואקס הירש - ארגענטינע

טארטאקאווסקי צילא - פראנקרייך

טארטאקאווער אריה פראפ. ישראל

יזרעאלי יוסף - ישראל

יני אבידוב - ישראל

יארבלום מארק - ישראל

ישעיהו ישראל - ישראל

כהן ישראל - ישראל

כהן לילי - ישראל

כסה יונה	-	ישראל
כערמאניאן משה	-	איראן
לעווענבערג ש. ד"ר	-	ענגלאנד
לוי יהושע	-	ישראל
לעווינסאן לייזער	-	בראזיל
לעווינסקי עקיבא	-	ישראל
לאקער בערל	-	ישראל
לאנדאו קלמן	-	מעקסיקע
לעוו קלארא	-	פאראייניקטע שטאטן
לאפין שמואל	-	קאנאדע
לעמבערגער יעקב	-	פאראייניקטע שטאטן
מאריס סילוויא	-	ענגלאנד
מיכעלסאן יצחק	-	שוועדן
מילער האראלד	-	ענגלאנד
מילער ש. ד"ר	-	ענגלאנד
מאליס רבקה	-	ישראל
מאן דניאל	-	פאראייניקטע שטאטן

נצר שרגא	-	ישראל
סארטשין חיה	-	ישראל
סאראקא חנוך	-	ישראל
סארקיס מ.	-	ישראל
סטאליארסקי ישראל	-	פאראייניקטע שטאטן
סעגאלאוויטש ב. ד"ר	-	שווייצאריע
פיימון אפי	-	פאראייניקטע שטאטן
פאדהארצער אפרים	-	ארגענטינע
פאלאק ישראל	-	ישראל
פיין בלאנש	-	פאראייניקטע שטאטן
פיין הארי	-	פאראייניקטע שטאטן
פיינגערש צבי	-	ארגענטינע
פינקוס אריה	-	ישראל
פיקמאן ראובן	-	בראזיל
פעקאטש פסח	-	ישראל
פאליקמאן מאו	-	פאראייניקטע שטאטן
פרידמן מוקי	-	דרום אמעריקע
פרימער בערל	-	ישראל
צביון אברהם	-	ישראל

צוקער סטענלי - ענגלאנד

צוקערמאן ברוך - ישראל

צור יעקב - ישראל

ציגעל אברהם - ישראל

ציפעל יעקב - פראנקרייך

צ׳ערעשניא פישל - בראזיל

קובאוויצקי - בעלגיע

קאסינער העלענא - ארגענטינע

קיטרון משה - ישראל

קאמינשיין טוביה ד"ר- ארגענטינע

קאצמאל יעקב - פאראייניקטע שטאטן

קרוזא פנחס - פאראייניקטע שטאטן

קראניץ אריה - קאנאדע

ראדזיכאוסקי נחמן - ארגענטינע

ראדזינסקי מיכאל - פערו

ראזבי יצחק - אווסטראליע

ראזען וויקטאר ד"ר - אורוגוואי

ראטבארד דבורה - פאראייניקטע שטאטן

רוס א.	-	ישראל
רייס אנשל	-	ישראל
שוויראף אהרן	-	פאראייניקטע שטאטן
שוסטער יהודה	-	ישראל
שטריגלער מרדכי	-	פאראייניקטע שטאטן
שווארץ סטעפאן אינזש.		דייטשלאנד
שורער חיים	-	ישראל
שטיין סאל ד"ר	-	פאראייניקטע שטאטן
שטיינער ה.	-	קאנאדע
שלאנג דוד ד"ר	-	עסטרייך
שעפטעל אריה	-	ישראל
שפייזהענדלער עזרא פראפ.		פאראייניקטע שטאטן
שרת משה	-	ישראל

--- ---

דער סעקרעטאריאט

קארן יצחק	-	גענעראל סעקרעטאר
אידעלסאן בעבא	-	ישראל
באנטשעק יששכר	-	פאראייניקטע שטאטן
בריח אפרים	-	ישראל
ברעם משה	-	ישראל
ברקת ראובן	-	ישראל
דאבקין אליהו	-	ישראל
הרכבי יצחק	-	ישראל
ווייץ רענן	-	ישראל
חאווקין גאולה	-	ישראל
חצור משה	-	ישראל
טארטאקאווער אריה	-	ישראל
כהן לילי	-	ישראל
כסה יונה	-	ישראל
לוי יהושע	-	ישראל
לעווינסקי עקיבא	-	ישראל
לעווענבערג ש. ד"ר	-	ענגלאנד

לאנדאו קלמן	-	מעקסיקע
לעוו קלארא	-	פאראייניקטע שטאטן
מאן דניאל	-	פאראייניקטע שטאטן
מילער הערالד	-	ענגלאנד
סטאליארסקי ישראל	-	פאראייניקטע שטאטן
סורוקה חנוך	-	ישראל
פרימער בערל	-	ישראל
פינקוס אריה	-	ישראל
פיין היי	-	פאראייניקטע שטאטן
פיין בלאנש	-	פאראייניקטע שטאטן
פיקמאן ראובן	-	בראזיל
פעקאטש פסח	-	ישראל
פרידמאן מוקי	-	דרום אפריקע
ציפעל יעקב	-	פראנקרייך
צור יעקב	-	ישראל
ציגעל אברהם	-	ישראל
קיטרון משה	-	ישראל
קאצמאן יעקב	-	פאראייניקטע שטאטן
קאמינשטיין טוביה ד"ר	-	ארגענטינע
קראניץ אריה	-	קאנאדע

רוס א.	-	ישראל
רייס אנשל	-	ישראל
ראדזיכאווסקי נחמן אינזש. ארגענטינע		
שוויראף אהרן	-	פאראייניקטע שטאטן
שטיין סאל ד"ר	-	פאראייניקטע שטאטן
שטיינער הארי	-	קאנאדע
שרת משה	-	ישראל

פון די מיטגלידער פון מזכירות
וועט אויסגעוויילט ווערן
א ביורא פון 15 חברים.

--- ---

דאס הויכע געריכט

מאור יצחק	-	פארזיצער
באבראוו י.מ.	-	קאנאדע
בראון מאיר	-	פאראייניקטע שטאטן
גאלדשטיין בערט	-	ישראל
יעזערסקי י.	-	ענגלאנד
יעפראיקין דיקא	-	פראנקרייך
מיטראני יצחק	-	ישראל
סעגאלאוויטש ב.	-	שווייצאריע
פעדער שרה	-	פאראייניקטע שטאטן
שטיינוואקס פנחס	-	ארגענטינע
שיטרית בכור	-	ישראל

--- ---

ISBN:0-657-04537-3

„האיחוד העולמי", רחוב הירקון 110, תל־אביב, ישראל